STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03916

AMERIKANER IDN UN DI ROL FUN DER IDISHER PRESE

P. Novik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ISBN:0-657-03916-0

פ. נאָוויק

אַמעריקאַנער אידן און די ראָל פון דער אידישער פרעסע

דער איכמאַן-משפט און דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. — די באַדייטונג פון אידישער איינהייט. — וועגן ציוניזם און אַסימילאַציע.

•

ניו יאָרק, 1962

פרייז: 15 סענט

אַמעריקאַנער אידן און די ראָל פון דער אידישער פרעסע

באַריכט פון פּ. נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן-פרייהייט", פאַר׳ן נאַציאָנאַלן „מאָרגן-פרייהייט" צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין ניו יאָרק, אין שעראַטאָן-אַטלאַנטיק האָטעל, דעם 9טן, 10טן און 11טן פעברואַר, 1962.

Jews in the USA and The Jewish Press

Report delivered by Paul Novick, editor of the Morning Freiheit, at the National Morning Freiheit Convention, February 9, 10, 11, 1962, Sheraton-Atlantic Hotel, New York.

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן פרייהייט"
35 איסט 12טע גאַס, ניו יאָרק

209

מיר זיינען זיך צונויפגעקומען איצט אונטערן צייכן פון א גרויסער דאטע אינם לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע — און ניט נאָר די אידישע, און ניט נאָר דאָ אין אַמעריקע — די דאטע פון פערציג יאָר „מאָרגן פרייהייט״ !

דעם 2טן אַפּריל ווערט פערציג יאָר זינט גרויסע מחנות אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע, בראש מיט אָלגין׳ען און ווינטשעווסקי׳ן, האָבן די „פרייהייט״ — די „מאָרגן פרייהייט״ — געגרינדעט. און זינט דעמאָלט גייט זי אַרויס, שוין באַלד פערציג יאָר צייט, מיט׳ן ווילן פון פאָלק, מיט דער מסירת נפש פון פאָלק. *)

גרויס איז די פרייד און גרויס איז אויך דער וואונדער ! אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אידישער פּרעסע איז אַזוינס ניט געזען געוואָרן ! פערציג יאָר אָן אויפהער ווערט די צייטונג געטראָגן פאָראויס דורך די אידישע מאַסן, אויף זייערע אַקסלען, ניט געקוקט אויף אַלע ווינטן און שטורעמס ! אָבער ס׳איז אין אמת׳ן ניט קיין וואונדער. דאָס דערשיינען פון דער „מאָרגן פרייהייט״ מיט פערציג יאָר צוריק האָט אַרויסגעדרונגען פון די נויטן און באַגערן און שטרעבונגען און באַדערפענישן פון די אידישע מאַסן — און צוליב די זעלביגע סיבות עקזיסטירט זי היינט. די „מאָרגן פרייהייט״ איז דאָ — ווייל גרויסע מאַסן אידישע האָרעפּאַשניקעס דאַרפן זי, ווייל דאָס אידישע פאָלק דאַרף זי, ווייל אַמעריקע דאַרף זי ! זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אָהער צו פּראָקלאַמירן הויך, מיט די ווערטער פון דעם הייליגן ליד פון הירש גליק : מיר זיינען דאָ ! מיר גייען מיט דער „מאָרגן פרייהייט״ צום פערציגסטן יובילײ און ווייטער !

די „מאָרגן פרייהייט״ איז אַ צייטונג פון היינט און מאָרגן — און פון נעכטן און אייערנעכטן. אָלגין האָט זי באַשאָנקען מיט די טראַדיציעס פון דער קעמפנדיגער אידישער־פּרעסע פון 1905, אין אַלטן רוסלאַנד ; ווינטשעווסקי, דער „זיידע פון אידישן סאָציאַליזם״, האָט זי באַשאָנקען מיט די טראַדיציעס פון די אידישע סאָציאַליסטישע פּיאָנערן. די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־פּרעסע איז זינט ווינטשעווסקי׳ס „פּוילישן אידל״ אין לאָנדאָן, אין די אַכציגער יאָרן, זינט דער „אַרבייטער צייטונג״ און דעם „אָבענד בלאַט״ אין ניו יאָרק, אין די ניינציגער יאָרן, געווען אַ פּרעסע פון און פאַר סאָציאַליזם. אויך אַנדערע אידישע צייטונגען דאָ אין לאַנד, וואָס זיינען שוין ניטאָ, אָדער

---

*) די „פרייהייט״ איז געווען אַ נאָכמיטאָג־צייטונג, ווי די מייסטע אידישע צייטונגען אין די צוואַנציגער יאָרן. דעם 17טן יוני 1929 איז זי געוואָרן אַ פרימאָרגן - צייטונג און דער נאָמען איז געביטן געוואָרן אויף „מאָרגן־פרייהייט״.

וואָס גייען נאָך אַרויס, זיינען געבאָרן געוואָרן ווי סאָציאַליסטישע צייטונגען. וואָס פון זיי איז געוואָרן איז באַוואוסט. די „מאָרגן פרייהייט" זוכט לעבעדיג צו האַלטן די טראַדיציעס פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פרעסע, די טראַדיציעס פון אידישע פרייהייט־קעמפער פון פיל דורות, די טראַדיציעס פון דער אידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג, — טראַדיציעס, וואָס פירן אונז צוריק צו די קאַמפן, אין אַמעריקע, פאַרן אַכט־שעה'איגן אַר־בעטס־טאָג, צו די גרויסע היסטאָרישע סטרייקס פון די נאָדל־אַרבעטער אין אָנהויב פון היינטיגן יאָרהונדערט, ביז די קאַמפן פון די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָרן, די קאַמפן געגן נאַציזם, פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם, ביז די קאַמפן פון היינטיגן טאָג. טראָגנדיג פאָראויס די פּראָגרעסיווע אידישע טראַדיציעס, זוכט די „מאָרגן פרייהייט", ווי אַ צייטונג וואָס וואָרצלט אינם אַמעריקאַנער באָדן, צו באַהעפטן זיי מיט די אַלגעמיינע, העכערע פרייהייט־טראַדיציעס פון אונזער לאַנד אַמעריקע, מיט די אומשטערבלעכע פּאָסטולאַטן פון דזשעפערסאָנ'ען און דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע בכלל.

ביים שייד־וועג פון מענטשלעכן גורל

אינ'ם ערשטן עדיטאָריעל אינ'ם ערשטן נומער „פרייהייט", דעם 2טן אַפּריל, 1922, געשריבן פון אונזער אומפאַרגעסלעכן אָלגינ'ען, האָט זיך גע־זאָגט, אַז די „פרייהייט" איז אַ צייטונג פון אַ נייעם טיפּ, געבאָרן אין אַ נייער צייט, וואָס האָט זי געבראַכט צום לעבן. און אויפגעהאַלטן האָבן זי די אידי־שע פאָלקס־מאַסן זינט דעמאָלט ווייל זי איז כסדר געגאַנגען און גייט אין די פוס־טריט פון דער צייט, איז אַלע מאָל געטריי צו די געבאָטן פון דעם געגעבענעם מאָמענט.

וועלכע זיינען די געבאָטן פון דעם איצטיגן מאָמענט, וואָס פאָדערן פון דער „מאָרגן פרייהייט" די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט?

מיר לעבן אין אַ צייט ווען די מענטשהייט האָט אָנגעהויבן דערגרייכן די העכסטע הויכן, באמת ביז די שטערן; אין אַ צייט פון די גרעסטע סאָציאַלע ענדערונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. קאָנטינענטן, וואָס זיינען גע־לעגן געשמידט אין קייטן אין משך פון יאָרהונדערטער, האָבן אויפגעוואַכט, די פריער־פאַרשקלאַפטע פעלקער האָבן זיך דורכגעריסן צו נייע וועגן, רייסן זיך צו אַ נייער דאָליע.

„מיר זיינען אָן שום ספק אינמיטן פון אַ וועלט־רעוואָלוציע", האָט טשעס־טער באָולס געזאָגט אין אַן אַרטיקל אין דער „ניו יאָרק טאַימס" דעם 10טן דעצעמבער 1961 — און דאָ איז ער אוודאי געווען גערעכט. „אין אַפריקע, אַזיע און לאַטיין־אַמעריקע — האָט ער געזאָגט — רייסן זיך פאָראויס אומ־געדולדיגע מיליאָנען געגן דער אַלטער איינגעשטעלטער אָרדענונג", — און דאָ איז ער ווידער געווען גערעכט. און מר. באָולס האָט זיך דאָ דערמאָנט אָן אונזער אייגענער, אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, און ער האָט דערמאָנט די ווערטער פון לינקאָלנ'ען, — אַז דאָס רעכט צו מאַכן אַ רעוואָלוציע איז דאָס הייליגסטע רעכט. ניט אַריינגייענדיג דאָ איצט אין דער פראַגע ווי אַזוי די דאָזיגע גע־דאַנקען ווערן מצד מר. באָולס'ן אָדער אַנדערע פון דער קענעדי־אַדמיניסטראַ־

ציע איבערזועצט אין דער פּראַקטיק, איז אָבער קלאָר, אַז די געדאַנקען זיינען באמת ריכטיגע. מיר געפינען זיך אָן שום ספק אין איינעם פון די אַנטשיידנדיגסטע פּעריאָדן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ביים שייד־וועג פון מענטשלעכן גורל. און אַט דאָ שטויסן מיר זיך אָן אַ קנויל פּראָבלעמען, וואָס פון דער לייזונג זייערע הענגט אָפּ צי די מענטשהייט זאָל טאַקע דערגרייכן די העכסטע הויכן, אָדער — אַראָפּנידערן אין שאול תחתיה, צו טאָטאַלער פאַרניכטונג.

ס'איז קלאָר פאַר יעדן איינעם, אַז מלחמה אָדער שלום איז די פראַגע איבער אַלע פראַגן. און אין דער פראַגע זיינען פאַרוויקלט אַלערליי אַנדערע ברענענדיגע פראַגן, ווי דער אויפשטייג פון אַלערליי רעאַקציאָנערע, פּראָ־פאַשיסטישע, נאַצישע אָרגאַניזאַציעס — „בווירטש סאָסייעטי", „קרישטשיען קרוסעידערס", ראַקוועל נאַצים, בכלל ראַסיסטן, אַנטיסעמיטן, נעגער־האַסער — דער אויפשטייג פון דער עקסטרעם־רעכטער רעאַקציע דאָ אין לאַנד, צוזאַמען מיטן אויפשטייג פון נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם אין מערב־דייטשלאַנד. עס איז אויך דאָ די פּראָבלעם פון דער ווירקונג פון דער רעאַקציע אויף דער געזעלשאַפטלעכקייט און דער קולטור. און די פּראָבלעם פון אַרבעטלאָזיגקייט איז דאָ, פון ביטערער נויט אינמיטן פון זינלאָזן לוקסוס. ס'איז דאָ די פּראָבלעם פון אויטאָמאַציע.

קאַמף פאַר שלום די צענטראַלע אויפגאַבע

דער אייכמאַן־משפּט, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים — און וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיגט — האָט אָנגעצייכנט אַ ריי פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן ערשט פאַרענטפערט ווערן. און אַהער קומט אַריין די פראַגע פון ישראל, פון איר זיכערקייט און עקזיסטענץ, פון העלפן באַזייטיגן די טמא־איינפלוסן פון אַדענאַוער־גלאָבקע און דע־גאָליזם און במילא פאַרהיטן דאָס אידישע לעבן בכלל פון די דאָזיגע איינפלוסן, — און בויען אין אַמעריקע אַ געזונט אידיש לעבן.

פראַגן איבער פראַגן רוקט אַרויס דער איצטיגער מאָמענט. זיי פאָדערן אַ באַלייכטונג, אַן ענטפער, אַן אויסוועג. וואָס איז געווען, וואָס איז די ראָל פון דער „מאָרגן פרייהייט" בנוגע די פראַגן?

ס'איז אַ שטאָלץ פאַר אונז צו דערקלערן, הויך אויפן קול, אַז אונזער „מאָרגן פרייהייט" האָט כסדר אינזינען געהאַט די הויפּט־פראַגע פונם איצטיגן מאָמענט — דעם קאַמף פאַר שלום; אַנטוואָפענונג און שלום. ליידער איז זי דאָ אַליין אין דער אידישער פּרעסע. מיר וואָלטן געוואָלט, אַז אַלע אידישע צייטונגען זאָלן פירן דעם קאַמף. אָבער די „מאָרגן פרייהייט" פירט אים, דעם קאַמף פאַר שלום. און דאָס איז, דאַרף מען זאָגן, אַ גרויס גליק — דאָס גליק פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע, וואָס האָבן אַזאַ צייטונג, ווי די „מאָרגן פרייהייט"!

די „מאָרגן פרייהייט" איז די שטימע פון שלום אויף דער אידישער גאַס. וואו נאָר אַן אַרבעטער־פירער טרעט אַרויס פאַר שלום, אָדער אַ דעמאָקראַטישער פירער, אַ ציוניסט, אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט, אַ רעפּובליקאַנער, אַ ראַבאַי און בכלל אַ גייסטלעכער, איז די „מאָרגן פרייהייט" דאָס אָרט, דאָס

איינציגע אָרט אין דער אידישער פּרעסע, וואו איר וועט געפינען נייעס וועגן דעם. מיט טיפן ווייטאָג מוז מען אונטערשטרייכן, אַז די אַנדערע אידישע צייטונגען איגנאָרירן די איצטיגע ברייט־צעוואַקסענע שלום־באַוועגונג איבערן לאַנד, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ שלעכטע זאַך פאַר אידן...

געדענקען מוז מען, אַז דער ענין שלום איז ניט עפּעס אַן אַבסטראַקטע זאַך. ס'איז ניט גענוג צו זאָגן, אַז מען וויל שלום און ס'איז אויך ניט גענוג צו זאָגן, אַז מען קעמפט דערפאַר. ס'איז פאַראַן אַ פּרוביר־שטיין דערויף.

דער פּרוביר־שטיין איז — מערב־דייטשלאַנד, פון וואַנען עס דראָעט דער וועלט אַ דריטער חורבן, אַ נייע וועלט־שריפה. דער פּרוביר־שטיין איז — די שטעלונג צו די היטלערשע פאַרברעכער. דער פּרוביר־שטיין איז — אַדאָלף הויזינגער, דער קאַמף אַרויסצוזאָגן אים פון וואַשינגטאָן. דער פּרוביר־שטיין איז — די נאַטאָ, וועלכע ווערט באַהערשט פון די הויזינגערס און שפּאַידעלס און פערטשעס. און אין ליכט פון די דאָזיגע פּרוביר־שטיינער דאַרפן מיר ערשט מיט פרייד אונטערשטרייכן די ראָל פון דער „מאָרגן פרייהייט". איר וואַכזאַמער, אויסגעהאַלטענער, עקשנות־אַנהאַלטנדיגער קאַמף נעגן די קריגס־פאַרברעכער בכלל און געגן הויזינגער'ן בפרט שטעלט פאַר מיט זיך איינעם פון די הויך־מאָמענטן פון איר ראָל די לעצטע יאָרן — די ראָל פון אַ צייטונג וואָס דינט באמת געטריי דעם פאָלק!

עס איז ניט אויסצורעכענען די אַלע אַרטיקלען, עדיטאָריעלס, נייעסן אויף דער ערשטער זייט און אַלערליי פאָרמען פון אויפקלערונג, פון קאַמף, געגן די נאַצישע קריגס־פאַרברעכער, געגן דער נעסט זייערער אין אַדענאַוער־גלאָבקעס מערב־דייטשלאַנד. און ווי נאָר עס איז באַוואוסט געוואָרן, אין אָקטאָבער 1960, אַז היטלער'ס הויפּט־סטראַטעג, הויזינגער, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־סטראַטעג פון דער נאַטאָ, האָבן מיר אויפגעהויבן אַ קאַמף אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג און אָנגעהאַלטן אים טאָג נאָך טאָג אויף דער זייט און כמעט אַלע אַנדערע זייטן, כסדר אָן אַן אויפהער, — נאָך איידער ווער עס איז האָט דעם קאַמף אויפגעהויבן. מיר האָבן געגעבן די גרעסטע הילף די קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן איינגעאָרדנט אַנטי־הויזינגער מיטינגען און קאָנפערענצן. מיר האָבן אָנגעהויבן דעם קאַמף, ניט וואַרטנדיג אויף קיינעם, ווייל אַזוי האָט אונז אונטערגעזאָגט דאָס געפיל אַלס אַמעריקאַנער, אַלס אידן.

פאַרוואָס האָבן אַנדערע אידישע צייטונגען דעם קאַמף ניט אויפגעהויבן, באַלד ניט אונטערגעכאַפּט? פאַרוואָס? פאַרוואָס — פירן זיי ניט קיין קאַמף געגן גלאָבקע'ן, דעם מיטפאַרפאַסער פון די נירענבורגער געזעצן אויסצוראָטן דאָס אידישע פאָלק? האָט ניט דער אייכמאַן־משפּט קלאָר געמאַכט, אַז גלאָבקע איז שולדיג צוזאַמען מיט אייכמאַנ'ען?

דער מענטשן־פאַרצערנדיגער מולך, דער „דזשאַגערנאָט"

דאָס זיינען פראַגן וואָס יעדער אידישער מענטש, אָפּגעזען פון ריכטונג, מוז זיך אַליין שטעלן. און יעדער פּאָזיטיווער ענטפער, יעדער אויסדרוק פון אַנטי־נאַציזם, פון יעדער ריכטונג, דאַרף באַגריסט ווערן. ווען דער

„טאג" האט ערשט לעצטנס, אין יאנואר 1962, געהאט אן ארטיקל — איין ארטיקל דערוויילע — געגן הויזינגער'ן, האבן מיר עס באגריסט. עס איז אבער וויכטיג צו באגרייפן וועלכע כוחות עס זיינען פאראינטערעסירט אינם אויפלעבן דעם נאציזם, אין אנהאלטן און ארויסרוקן די גלאבקעס און הויזינגערס אויף וויכטיגע פאזיציעס. פונקט אזוי, באגריסנדיג יעדן אויסדרוק געגן בוירטשיזם, געגן די „קרוסעידערס" און ראקוועל־באנדיטן, זוכנדיג צו שאפן די גרעסטע איינ־נגקייט אין דעם דאזיגן קאמף, איז וויכטיג אינזינען צו האבן — און אויפקלערן די מאסן וועגן דעם — וועלכע כוחות עס רופן די עקסטרעם־רעכטע ארויס צום לעבן.

פרעזידענט אייזענהאוער האט, ווילנדיג צי ניט־ווילנדיג, געמאכט א גרויסן ביטראג מיט זיין רעדע דעם 17טן יאנואר 1961, בשעת ער האט זיך געזעגנט מיטן פאלק ביים פארלאזן דאס ווייסע הויז. ער האט געווארנט געגן דעם „קאמפלעקס" פון די מיליטאריסטן און אינדוסטריאליסטן, וועלכע איבן אויס אן איינפלוס — ווי ער האט געזאגט — אין וואשינגטאן, און אין די שטאט און שטאט־רעגירונגען איבערן לאנד. דאס העסלעכע בילד פון דעם דאזיגן „קאמפלעקס" איז געשילדערט געווארן אין דעם ספעציעלן נומער, וואס די „נעישאן" האט ארויסגעגעבן דעם 28טן אקטאבער 1961, — „דזשאגערנאט", דער מולך (מוילעך), דער מענטשן־פארצערנדיגער אפגאט. דער נומער „נעישאן" האט געהייסן: „דזשאגערנאט — דהי ווארפעיר סטעיט", דער מלחמה־שטאט. און דארט איז באוויזן געווארן ווי דער קאמפלעקס פון מיליטאריסטן און אינדוסטריאליסטן, דער מולך, וואס פרעסט אויף פופציג ביליאן דאלאר א יאר פונם פאלקס פארמעגן, שטעלט פאר מיט זיך א מין באזונדערן שטאט אין דער אמעריקאנער מלוכה, א קראפט וואס לאזט ניט אמעריקע איינגיין אויף אנטוואפענונג, א קראפט, וואס האט ארייגעצויגן אין זיך געוויסע שיכטן פון דער באפעלקערונג, וועלכע גלויבן, אז גרויסע מיליטערישע ביודזשעטן באדייטן פראספעריטי.

דער פארפאסער פון „דזשאגערנאט", פרעד דזש. קוק, ווייזט אן מיט רעכט, אז כדי צו דערשלאגן זיך הויכע מיליטערישע ביודזשעטן איז נויטיג צו אנהאלטן כסדר אין לאנד די „אטמאספערע פון שרעק", אנהאלטן א מין היסטערישן, פאלשן, פאטריאטיזם, וועלכער באצייכנט אלץ וואס איז אין די אינטערעסן פון פאלק, ווי „ראדיקאליזם", „סאציאליזם", „קאמוניזם". און פרעד דזש. קוק באווייזט ווי אזוי דער פענטאגאן איז פארבונדן מיט די אולטראס פון רעכטס אין דער אומהייליגער ארבעט פון צינדן די אנטי־קאמוניסטישע היסטעריע, פראוועז מכשפה־געיעגן. אט די פינצטערע, אנטי־אמעריקאנישע קרעפטן דארפן עס האבן דעם מעקארען־אקט, מעקארען־וואלטער אקט און סמיט אקט. אט־די קרעפטן דארפן עס די אנטי־סאוועטישע היסטעריע. און וויל מען וויסן פארוואס גראד אין אמעריקע, א לאנד מיט הערלעכע פרייהייט־טראדיציעס, בושעוועט א ווילדע אנטי־קאמוניסטישע און אנטי־סאוועטישע היסטעריע, וואס איז ניט געזען געווארן אפילו אין אנדערע קאפיטאליסטישע מערב־לענדער, דארף מען א טראכט טאן וועגן דעם „דזשאגערנאט".

רויט־יעגערישע היסטעריע איז אַנטי־אַמעריקאַניש

דער פאַרשטאַרבענער מעפיסטאָ פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע, דזשאַן פאָסטער דאַלעס, האָט אַנומלט געהאַט אָפן דערקלערט:

„כדי צו באַוועגן דאָס פאָלק צו טראָגן דעם יאָך, וואָס קומט פון אויפ־האַלטן ריזיגע מיליטערישע איינריכטונגען, איז נויטיק צו באַשאַפן אַן עמאָ־ציאָנעלן צושטאַנד, וואָס איז ענלעך צו אַ מלחמה־פּסיכאָלאָגיע. עס מוז כסדר אָנגעהאַלטן ווערן אַ בילד פון געפאַר פון דרויסן".

קלאָר און אָפן. און ס'איז דעריבער קלאָר, אַז דער קאַמף געגן מעקאַר־טיזם און מעקאַרעניזם, דער קאַמף געגן פּראָפעסיאָנעלן אַנטי־קאָמוניזם און פּראָפעסיאָנעלן אַנטי־סאָוועטיזם איז אַ קאַמף פאַר די פרייהייטן פון אַמעריקע, פאַר אַמעריקע, אַ קאַמף פאַר'ן לעבן פון פאָלק, אַ קאַמף פאַר שלום — אַן אמת'ער אַמעריקאַניש־פּאַטריאָטישער קאַמף!

דאָס איז אויך אַ קאַמף פאַר ברויט, פאַר אַרבעט. עס מוז דאָך געפרעגט ווערן די פראַגע: פאַרוואָס איז גראָד אין אַמעריקע, אַ לאַנד מיט די גרעסטע מיליטערישע ביודזשעטן, פאַראַן די גרעסטע אַרבעטלאָזיגקייט?

געוויס, אַרבעטלאָזיגקייט איז אַן אייביגע, באַגלייטנדיגע דערשיינונג פון קאַפּיטאַליזם. און די אידעאָלאָגן פון קאַפּיטאַליזם, די אינדוסטריע־באַראָנען, האַלטן אַרבעטלאָזיגקייט ווי אַ נויטיגע זאַך. אַזוי האָט דער פּרעזידענט פון דער „דזשענעראַל עלעקטריק", ראַלף דזש. קאָרדינער, ניט לאַנג צוריק אָפן געזאָגט, אַז פינף פּראָצענט אַרבעטלאָזע — פון דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטנ־דיגע — איז נויטיק פאַר דער „ענערגישער באַוועגלעכקייט פון אַרבעטס־קראַפט". און פּרעזידענט קענעדי'ס עקאָנאָמיסט, וואָלטער העלער, רעדט אָפן וועגן אַ פּערמאַנענטער אַרבעטלאָזיגקייט פון פיר פּראָצענט. אַמעריקע האָט אָבער אַ כמעט אָנהאַלטנדיגע ראַטע פון זעקס פּראָצענט אַרבעטלאָזע און פאַר דעם האָבן מיר אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער עקאָנאָמיק, וואָס שטיצט זיך אויף הויכע מיליטערישע ביודזשעטן.

דאָס איז אַ קראַנקע עקאָנאָמיק, וואָס פאַרצערט אַרום צען פּראָצענט פון דעם גאַנצן איינקונפט פון פאָלק און וואַרפט עס אַרויס אין ניוועץ, פּראָדוצירט זאַכן, וואָס קאָנען ניט געברויכט ווערן. דאָס איז אייגנטלעך אַ פאָרם פון עקספּראָפּריאַציע מצד די מאַגנאַטן, אַוועקצורויבן פון פאָלק צענדליגער בי־ליאָנען דאָלאַר דורך פּראָדוצירן אַזוינס, וואָס ברענגט נאָר פּראָפיטן און וואָס קאָן קיין נוצן ניט ברענגען — געווער. און דאָס געווער גופא ווערט באַלד פאַרעלטערט, צוליב נייע דערפינדונגען. און דער איבערגאַנג צו ראַקעטן, מיסילס, האָט לעצטנס דירעקט אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין די עראָפּלאַן און אַנדערע אינדוסטריען.

דער קאַמף פאַר פרידן און פרידלעכער בויאונג, בויאונג פון הייזער און שולן און שפּיטאָלן און טעאַטערס און וועגן; דער קאַמף פאַר אויסברייטערן דעם האַנדל מיט די לענדער פון דער וועלט, איינגעשלאָסן די סאָציאַליס־טישע, איז אַ קאַמף פאַר „לעבן, פרייהייט און שטרעבן צום גליק", לויט די אומשטערבלעכע ווערטער פון דער אומאָפּהענגיגקייט־דעקלאַראַציע. דאָס

איז דער טיפער זין פונם קאַמף פאַר אַנטוואָפענונג און פרידלעכער קאָ־עקזיסטענץ.

פרויען, סטודענטן, פראָפעסאָרן אין קאַמף פאַר שלום

ס'איז גוט צו פאַרצייכענען, אַז דער קאַמף פאַר פרידן ברייטערט זיך אויס אין אַמעריקע. עס איז דאָ די אמת'ע אַמעריקע, די אַמעריקע פון דזשעפערסאָנ'ען ! די באַוועגונג צווישן די פראָפעסאָרן געגן דער קללה פון שעלטערס (שוץ־קעלערן) האָט אַרומגעכאַפּט אוניווערזיטעטן פון כמעט אַלע טיילן פון לאַנד, צווישן זיי די באַרימטסטע: פון האַרוואַרד און פרינסטאָן ביים אַטלאַנטיק ביז סטענפאָרד און אַנדערע אויפן פאַסיפיק. העכער פיר טויזנט פראָפעסאָרן זיינען שוין ביז יאַנואַר פאַרוויקלט געוואָרן אין דעם קאַמף. און די סטודענטשאַפט פון אַמעריקע הערט אויף צו זיין דער „פאַרלאָרענער דור", אָדער „שווייגנדיגער דור", אָדער „דערשראָקענער דור". די סטודענטשאַפט האָט אין אַ גרויסער מאָס אויפגעוואַכט. די פרויען־באַוועגונג פאַר פרידן צעוואַקסט זיך. דער מאַרש פון סאַן פראַנציסקאָ ביז מאָסקווע האָט געלאָזט זיין צייכן.

צו די פּאָזיטיווע דערשיינונגען אין אַמעריקע דאַרף איצט אויך צוגעשריבן ווערן דער דערפאָלג פון אַנטי־נאַצי ביכער, אָנגעהויבן פון וויליאַם ל. שאַירער'ס „דער אויפשטייג און דאָס פאַלן פון דריטן רייך". עס קריגן אַ ברייטן אָפּקלאַנג אַנטי־נאַצי פילמען, ווי „דער משפט אין נירענבערג", אַנטי־נאַצי פּראָגראַמען אויף טעלעוויזיע און ראַדיאָ. כאָטש עס איז קלאָר, אַז אַ באַשטימטע ראָל האָט דאָ געשפּילט דער אייכמאַן משפט, איז אָבער אין דער זעלביקער צייט קיין ספק ניט, אַז די אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט'ן אויפשטייג פון דער פרידנס־באַוועגונג; איינס באַווירקט דאָס אַנדערע.

דער קאַמף פאַר שלום, פאַר אַמעריקע, איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט'ן קאַמף פאַר ציווילע רעכט. עס איז קלאָר, אַז די געגנער פון ציווילע רעכט, פון די אַמעריקאַנער פרייהייטן, געפינען זיך אינם לאַגער פון דער קאַלטער מלחמה. שלום־קעמפער זיינען פאַר ציווילע רעכט! און אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג פון היסטאָרישן באַטייט, פאַר גאַנץ אַמעריקע, פאַר'ן אידישן פאָלק, איז דער אומאויפהערלעכער העראָאישער קאַמף פון די נעגער־מאַסן געגן דיסקרימינאַציע און סעגרעגאַציע. די אומגערעכטיגקייטן האַלטן נאָך אָן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן איבערן גאַנצן לאַנד, ליידער אויך אין דער אַרבעטער באַוועגונג. זיי האַלטן אָן אויף אַ באַרבאַרישן שטייגער אין די דרום־שטאַטן. דער קאַמף פון די „פרייהייט־פאָרער", אַריינצודרינגען אין די וואַסזאַלן, רעסטאָראַנען און אַנדערע עפנטלעכע ערטער, דער קאַמף געגן סעגרעגאַציע אין די שולן און אוניווערזיטעטן, אַ קאַמף מיט אַ געווויסן אָנטייל פון ווייסע, אויך פון אידן -- דאַרף מען אונטערשטרייכן מיט פרייד — איז געווען און פאַרבלייבט איינער פון די הויך־מאָמענטן פון לעצטן פעריאָד אין אַמעריקע און פון היינטיגן מאָמענט. דערמיט ווערט געשטורעמט די פעסטונג פון דער רעאַקציע אין אַמעריקע בכלל, די דיקסיקראַטישע פעסטונג. אַז דאָס איז אויך אַ קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם איז קלאָר אָן שום ספק.

די „מאָרגן פרייהייט" — אליין אין דער גאַנצער אידישער פּרעסע — איז געווען וואַכזאַם און פאַרבלייבט וואַכזאַם צום קאַמף פון די נעגער־מאַסן דאָ אין לאַנד — אונזער קאַמף! די „מאָרגן פרייהייט" איז געווען וואַכזאַם, פאַרבלייבט וואַכזאַם צו יעדן אויסדרוק פאַר פרידן, געגן נאַציזם, געגן אדענאַוער־גלאָבקע־רעזשים, געגן די שותפים פון גלאָבקע און הויזינגער דאָ אין אמעריקע, וואַכזאַם צו יעדן אויסדרוק, פון וועלכער ריכטונג דאָס זאָל ניט זיין. באַזונדער וואַכזאַם איז זי צו אַזעלכע אויסדרוקן אין אידישן לעבן — און וועגן דעם שפּעטער — און אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

די לאַגע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

דאָ קומען מיר אָבער צו אַ טונקעלן מאָמענט: די ראָל פון דער פירער־שאַפט פון דער אַרבעטער באַוועגונג. דאָ האַלט ניט גוט בנוגע ציווילע רעכט, אָפּשאַפן נעגער־דיסקרימינאַציעס. אין פּרט פון דער קאַלטער מלחמה איז די דאָזיגע פירערשאַפט מייסטנס אויף איין ברעטל מיט די ביטערסטע שונאים פון דער אַרבעטער באַוועגונג — די בערי גאָלדוואָטערס, די בוירטשערס און אַנדערע פון רעאַקציאָנערן לאַגער. דאָס איז באמת אַ טראַגישער מאָמענט. דאָ ליגט איינע פון די סיבות פון דער נעגאַטיווער ראָל פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק אויף דער וועלט־אַרענע. און דאָ ליגט אויך איינע פון די סיבות פאַרוואָס די אַרבעטער באַוועגונג געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אָפּהענ־גיקייט און צוריקטריט. שטאַרקנדיג די בערי גאָלדוואָטערס און די אַנדערע אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, שטאַרקט מען זיי אויך, אויב אפילו ניט־ווילנדיג, אין זייער קאַמף געגן יוניאָניזם, פאַר'ן סטרייק־ברעכערישן לאָזונג פון כלומר־שטער „ראַיט טו וואָרק", רעכט אויף אַרבעט, וועלכער איז שוין פאַרקערפּערט געוואָרן אין געזעצן אין 19 שטאַטן פון לאַנד. די רעאַקציאָנערע ליניע פון דער הויפּט־פירערשאַפט איז ממש אַ שטיין אויפן האַלז ווען עס האַנדלט זיך וועגן אָרגאַניזירן די אַרבעטער אין די יוניאָנס, שטאַרקן די יוניאָן־באַוועגונג.

ס'וועט זיין גענוג צו דערמאָנען זיך אָן די דרייסיגער יאָרן, ווען די יוניאָן־באַוועגונג, דער עיקר דער אינדוסטריעלער יוניאָניזם פון סי־אַי־אָ, האָט געמאַכט אַזאַ וואונדערלעכן פאָרשריט, מ'זאָל באַגריפן וואָס פאַר אַן אַטמאָס־פערע עס איז נויטיג דער יוניאָן־באַוועגונג. ס'איז נויטיג אַן אַטמאָספערע פון קאַמף געגן רעאַקציע, געגן וואָל סטריט אימפּעריאַליזם, צוזאַמען, פאַר־שטייט זיך, מיט קאַמף געגן מלחמה, געגן נאַציזם, פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם, קאַמף געגן נעגער־דיסקרימינאַציע און סעגרעגאַציע. אין אַן אַטמאָספערע פון קאַלטער מלחמה קאָן די יוניאָן־באַוועגונג ניט בליען. און ס'איז ניט קיין צופאַל וואָס מיר האָבן איצט די פאָלגנדיגע לאַגע: ווען די אַ. פ. אָוו ל. און דער סי־אַי־אָ האָבן זיך פאַראייניגט, אין 1955, האָט מען געהאָפט, אַז עס וועט זיך אָנהויבן אַ נייער אויפשוואונג אין דער יוניאָן־באַוועגונג. אָנ־שטאָט דעם איז געקומען אַ פאַרלוסט. בשעת די צאָל לוין־באַשעפטיגטע אין אַמעריקע בכלל איז אויסגעוואַקסן ביז 67 מיליאָן, פאַרמאָגט די גאַנצע יוניאָן־באַוועגונג אַ מיטגלידערשאַפט פון 15־16 מיליאָן. אַרום און אַרום, צוזאַמען

מיט אַגריקולטור־אַרבעטער, מאַכט אויס די צאָל אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין אַמעריקע עטוואָס איבער 23 פּראָצענט (23.3) פון דער אַלגעמיינער צאָל לוין־באַשעפטיגטע. אַ גאַנץ טרויעריגער צושטאַנד!

עס פאַרשטייט זיך, אַז מען טאָר ניט צוגיין צו די פאַרשיידענע יוניאָן־פירער מיט איין מאָס. אַפילו מיני און רויטער זיינען ניט פון איין גוס, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט אַזעלכע אַרבעטער־פירער ווי מעיזי, גאָרמאַן, קאָרען, קוויל, אָפּגערעדט שוין פון אַ הערי ברידזשעס. אָבער דאָ מוז מען זיך ערשט פאַרטראַכטן איבער דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

ספּעציעלע ראָל פון אידישע אַרבעטער

זינט אירע ערשטע טריט אין סוף פון פאָריגן יאָרהונדערט און איר קאָנסאָלידאַציע אין אָנהויב פון היינטיגן יאָרהונדערט, איז די אידישע אַרבעטער באַוועגונג געווען אויף די פאָרגעשריטנסטע פּאָזיציעס אין דעם לאַגער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. מיט אַלע חסרונות וואָס פיל פון זיי האָבן געהאַט, האָבן די וואָרטזאָגער פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, בכלל גענומען, געקעמפט געגן די קאָנסערוואַטיווע יוניאָן־פירער. די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אירע מאַסן־סטרייקס, מיט אירע בונטן געגן אַזעלכע יוניאָן־פירער ווי ריקערט און לאַרדזשער (ביי די מענער־שניידער), האָט די גאָמפּערסעס ניט געשמעקט און אוודאי ניט די מעטיו וואָלס, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט דער עקסטרעמער רעאַקציע פון אַמאָליגע ציטן, מיט דער אַמאָליגער „סיוויק פעדערעישאָן". ווי האַלט עס אָבער איצט? איצט טרעפן מיר אויף די פּאָזיציעס פון דער קאַלטער מלחמה, פון קאָלאַבאָראַציע מיט די באַלעבאַטים, גראָד אידישע יוניאָן־פירער. אַ ריי זייערע לויפן אַפילו פאָראויס פון מיני'ן אין פּרט פון קאַלטער מלחמה פּאָליטיק, שפּייזן אים מיט קאַלטע מלחמה „טעאָריעס". אויף פּראָגרעסיווערע פּאָזיציעס אין דער אַרבעטער באַוועגונג טרעפן מיר די אויבנדערמאָנטע, די מעיזיס און קאָרענס און קווילס און גאָרמאַנס. פון ציט צו ציט טרעפן מיר דאָ געוויסע אידישע יוניאָן־פירער פון די מענער־שניידער (אַמאַלגאַמעיטעד), אָדער סקלאַדן (ווערהאַוז) אַרבעטער, אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג. (מיר רעדן דאָ פון נאַציאָנאַל־באַקאַנטע יוניאָן־פירער, ניט פון לאָקאַלע; אין פאַרשיידענע אינדוסטריעלע צענטערן איבערן לאַנד טרעפט מען פיל אידישע יוניאָן־פירער אויף פּראָגרעסיווע, אָדער פּראָגרעסיווערע, פּאָזיציעס).

אָט דערפאַר איז באַזונדער וויכטיג די ראָל פון די לינקע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין די נאָדל־פאַכן, ווי אין אַנדערע פאַכן. זיי פירן דורך אַ גרויסע, היסטאָרישע אויפגאַבע, דערמיט וואָס זיי האַלטן־אָן די קאַמף־טראַדיציעס פון זייערע יוניאָנס, טרעטן אַרויס געגן דער פּאָליטיק פון די מינים. דערפאַר איז אַזוי וויכטיג די ראָל פון דער „מאָרגן פרייהייט" דורך וועלכער די עלעמענטן קומען צום אויסדרוק אין אַ גרויסער מאָס.

עס דאַרף קלאָר זיין, אַז די אידישע קאַלטע מלחמה־לייט צווישן די יוניאָן־פירער פאַרטרעטן ניט די מערהייט אידישע אַרבעטער. דאָס איז קלאָר באַוויזן

געוואָרן אין די זעלביגע דרייסיגער יאָרן, אין די מלחמה־יאָרן, ווען די עקסטרעם־רעכטע קליקע פון די דאָזיגע יוניאָן־פירער איז געווען איזאָלירט פון די ברייטע אידישע מאַסן, וואָס זיינען נעגאַנגען מיט דער רוזוועלט־קאָאַליציע אין דער מלחמה געגן היטלער׳ן. נאָר אַ דאַנק דער אַטמאָספערע פון רעאַקציע, מעקאַר־טיזם, מעקאַרעניזם, גיט זיך איין די דאָזיגע פירער צו האַלטן זיך אין זאַטל. אָבער דאָס האָט אריינגעטראָגן אין די יוניאָנס, וואו די דאָזיגע פירערשאַפט הערשט, אָפּהענטיגקייט און יאוש, די אַרבעטער־מאַסן וויכן פון די יוניאָן־מיטינגען (וואָס דאָס איז ניט גוט, פאַרשטייט זיך) און די באַדינגונגען אין די שעפּער זיינען אַראָפּגענידערט געוואָרן.

די ראָל פון דער „מאָרגן פרייהייט" אין שטאַרקן די לינקע און פּראָגרע־סיווע עלעמענטן אין די יוניאָנס, די ראָל אירע פון באַלויכטן די פּראָבלעמען פון די אידישע אַרבעטער און פון דער אַרבעטערשאַפט בכלל, איז פון גרויס באַדייטונג פאַר אַלע אַרבעטער, אויך פאַר רעכטע אַרבעטער, פאַר אומפּאַרטיי־אישע אַרבעטער, — סיי אַרויסגייענדיג פון די טאָג־טעגלעכע אַרבעטער־אינטע־רעסן, סיי ווען מ׳נעמט אין אַכט די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן דאָ אין לאַנד, די לעבנס־אינטערעסן פון אַמעריקע. דאָס הייסט — באַלייכטן די אַרבעטער־פּראָבלעמען פון שטאַנדפּונקט פון מיליטאַנטן יוניאָניזם, פון שטאַנד־פּונקט פון קאַמף געגן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, פאַר די רעפאָרמען פון די רוז־וועלט־צייטן.

מ׳טאָר דאָ ניט פאַרפעלן אָפּצושאַצן דעם העראָאיזם פון די לינקע און פּראָגרעסיווע אין די נאָדל־יוניאָנס, וועלכע פירן עקשנות׳דיג זייער קאַמף פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן, פאַר די ערלעכע יוניאָן־טראַדיציעס, אין אָנגעזיכט פון בוכשטעבלעכן טעראָר מצד דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, פון ממש אומבאַשרייבלעכע מעקאַרטישע העצעס און מסירות אין דעם אידישן אָרגאַן פון די יוניאָן־ביוראָקראַטן, אין „פאָרווערטס" און אין געוויסע אָרגאַנען פון די נאָדל־פאַך יוניאָנס גופא.

אויטאָמאַציע, אַרבעטלאָזיגקייט, לאַגע פון נאָדל־אַרבעטער

פאַר די אַרבעטער שטייט איצט דרינגענדיג די פראַגע פון אַ קירצערער אַרבעטס־וואָך מיט אַ געהעכערטן לוין. די פאָדערונג איז שאַרף אַרויסגערוקט געוואָרן דורך דער אויטאָמאַציע, וועלכע איז אין אַמעריקע אַ קללה פאַר די אַרבעטער. די סיסטעם פון קאַפּיטאַליזם געפינט זיך אין קאָנפליקט מיט דער וויסנשאַפט און דער טעכניק. אויטאָמאַציע וואַרפט אַרויס אַרבעטער פון דער אַרבעט. די שטאָל־אינדוסטריע, למשל, האָט אין 1960 געהאַט 300 טויזנט אַרבעטער ווייניגער ווי אין 1953, בשעת די שטאָל־פּראָדוקציע איז אין די יאָרן געוואָקסן. עס גייט אַרום אַ געשפּענסט איבער די שטאָל־שטעטלעך און קוילן־שטעטלעך!

דער דאָזיגער געשפּענסט, פון הונגער און נויט, רעזולטאַטן פון אויטאָ־מאַציע און „נאָרמאַלער" אַרבעטלאָזיגקייט, שטעלט אַגב צו דעם ריכטיגן פּירוש צו דער לעגענדע וועגן דער „אַפלוענט סאָסייעטי", די געזעלשאַפט פון שפע, פון איבערפליסיגן וואוילטאָג. העכער זיבן מיליאָן נפשות „שפּייזן" זיך

איצט פון די רייען ביי די סקלאַדן, וואו די רעגירונג האַלט די „איבערפליסיגע" שפייז־זאַפּאַסן. און דאָס — אַלס צולאָג צו די מיליאָנען וואָס זיינען אויף „רעליף".

אויטאָמאַציע אַליין איז געוואָרן דער געשפּענסט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. און ס׳איז קלאָר, אַז דער איבל קאָן ניט באַגעגנט ווערן, ווי די וועבער אין אַמאָליגן ענגלאַנד האָבן באַגעגנט די וועב־שטולן — צעברעכנ־דיג זיי. צוזאַמען מיט׳ן קאַמף פאַר אַ פרידלעכער עקאָנאָמיק דאַרף גיין דער קאַמף פאַר אַ קירצערער אַרבעטס־וואָך, מיט אַ געהעכערטן לוין.

די עלעקטריקער אין ניו יאָרק האָבן זיך לעצטנס דערשלאָגן אַ 25־שעה׳־איגע אַרבעט־וואָך. כאָטש דאָ האַנדלט זיך וועגן אינגאַנצן אַרום 8,000 אַר־בעטער, איז דאָס אָבער אַ דערשיינונג פון גאָר גרויסן באַטייט, ווייל דאָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ געוויסן דורכברוך, אַ מוסטער נאָכצופאָלגן, אַ דערגרייכונג פון פּיאָנערישן כאַראַקטער.

אויב די נאָדל־אַרבעטער זיינען ווייניגער אָנגעריירט געוואָרן פון אויטאָ־מאַציע ווי די אַרבעטער אין די שווערע אינדוסטריען, ליידן זיי פון אַנדערע איבלען, וואָס האָבן ווידעראַמאָל געשאַפן אַ נייעם „סטאַטוס" פאַר זיי ווי־זאָ־ווי דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט. בשעת מיט יאָרן צוריק זיינען די נאָדל־אַרבעטער געווען אויף די ערשטע שטאַפּלען אין פּרט פון אַרבעט־לוין, זיינען זיי איצט אויפן נייצנטן אָרט אין שטאַט ניו יאָרק. אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב געפינען זיך די נאָדל־אַרבעטער אויף דער נידעריגסטער שטופע אין פּרט פון פאַרדינסטן, נידעריגער אַפילו ווי די טעקסטיל־אַרבעטער, וועלכע זיינען אויף 75 פּראָצענט ניט אָרגאַניזירט. דער אָפּן שאָפּ גראַבט אונטער די באַדינ־גונגען פון די נאָדל־אַרבעטער אַפילו אין ניו יאָרק. צוזאַמען דערמיט ווירקט די אַבסאָלוטע אָפּוועזנקייט פון מיליטאַנטישן יוניאָניזם מצד דער פירערשאַפט פון די נאָדל־יוניאָנס, איר מורא פאַר סטרייקס און דאָס ניט איינשטעלן זיך, אַז די אויסגעקעמפטע קאָנטראַקטן זאָלן אָפּגעהיט ווערן. דערצו איז צוגעקומען די מכה פון אַריינפירן אַרטיקלען פון לענדער מיט ביליגער אַרבעטס־קראַפט און פון טראַנספערירן גאַנצע שעפּער אין די דאָזיגע לענדער.

שוין די דאָזיגע ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די נאָדל־אַרבעטער פאָדערן אַ פאַרשטאַרקטע באַלייכטונג מצד דער „מאָרגן פרייהייט". אָבער אין דער זעלביגער צייט מוז געשענקט ווערן אויפמערקזאַמקייט די אַנדערע פאַכן, וואו אידישע אַרבעטער געפינען זיך, ווי עס דאַרף מער אויפמערקזאַמקייט געשענקט ווערן דער אַרבעטער באַוועגונג בכלל. די „מאָרגן פרייהייט" דרוקט, פאַרשטייט זיך, אַרבעטער־נייעס, עדיטאָריעלס, אַרטיקלען, קאָלומנס איבער אַרבעטער־פראַגן און פאַרמאָגט אַ זייער וויכטיגע יוניאָן זייט יעדן סוף־וואָך. דאָס דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן. אָבער געוויסע פאַכן ווערן ווייניג באַרירט. און כאָטש פיל יוניאָן־טוער באַטייליגן זיך מיט אַרטיקלען אין דער „מאָרגן פרייהייט", וואָס באַלייכטן די פּראָבלעמען פון זייערע פאַכן, פאַסירט אָבער, אַז עס גייט אַמאָל אַוועק אַ שטיק צייט ווען אַזעלכע אַרטיקלען קומען ווייניג אַריין. צוזאַ־מען מיט דער רעדאַקציע טראָגן אויך די יוניאָן־טוער גופא די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר אַזעלכע בלויזן.

אידישע אַרבעטער אין די שווערע אינדוסטריען

די אַרבעטער זיינען די באַזע פאַר דער „מאָרגן פרייהייט". אַט־דאָ, ביי דעם צוזאַמענפאָר, זעען מיר פאַר זיך אַרבעטנדיגע אין דער איבערוועגנדיגער מערהייט. און אַזוי אין די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אין ניו יאָרק און אַנדערע שטעט. די טעאָריע וועגן דעם „פאַרשווינדן" פון אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע איז שוין לאַנג באַוויזן געוואָרן ווי אַ פאַלשע. אויף דעם האָבן מיר אָנגעוויזן אין אונזער באַריכט מיט צוויי יאָר צוריק. עס וועט וויכטיג זיין דאָ אין פאַרבינדונג דערמיט צו באַמערקן, אַז אין אַ ריי יוניאָן־אָפּטיילן (לאָקאַלן) פון דעם פרויען קליידער־פאַך, פון דער „אינטער־נעשאָנאַל", אין ניו יאָרק, איז אידיש נאָך די שפּראַך, אין וועלכער די פאַר־זאַמלונגען און די פּראָטאָקאָלן ווערן געפירט. אַהער געהערן די וויכטיגע לאָקאַלן 9, 35 און 117 וואָס פאַרמאָגן אַרום צען טויזנט אַרבעטער. אַזוי אין לאָקאַלן פון די בעקערס און אַנדערע. אויסער ניו יאָרק זיינען געווים פאַראַן אַזעלכע יוניאָן לאָקאַלן, וואו אידיש איז די אומגאַנג־שפּראַך. פאַר־שטייט זיך, עס זיינען דאָ ניט אין פאַרגלייך מער אידיש־רעדנדיגע אַרבעטער אין די נאָדל, שיך, בוי, שפּייז און אַנדערע יוניאָן־לאָקאַלן, וואו די שפּראַך איז ענגליש. און גאָר גרויסע מאַסן ענגליש־רעדנדיגע אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אין די הונדערטער טויזנטער, געפינען זיך אין די פאַרשיידענע אינדוסטריען, אָרגאַניזירטע און אומאָרגאַניזירטע.

פאַר צוויי יאָרן איז מיר אויסגעקומען אָנצואַווייזן, אַז אידן מאַכן אויס אַ גרויסן פּראָצענט צווישן אָנגעשטעלטע אין די פאַרשיידענע געשעפטן אין ניו יאָרק, שיקאַגאָ, באָסטאָן און אַנדערע שטעט. די צאָל אידישע אָפיס־אַרבעטער איז אַ באַדייטנדיגע. ס'איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער צאָל אידן צווישן שאָפערן (טעקסי־טרייבער) און אַז אידישע אַרבעטער געפינען זיך אין די אינדוסטריען פון די עראָפּלאַנען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, צווישן די האַפן־אַרבעטער. בנוגע דעם אָנטייל פון אידן אין די שווערע אינדוסטריען האָבן מיר די לעצטע צייט פּרובירט דערשלאָגן זיך גענויערע פאַקטן, אָבער דערווייל מיט ניט־גענוגנדיגע רעזולטאַטן, כאָטש געוויסע אָנהויבן זיינען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן.

דער „מאָרגן פרייהייט" פאַרוואַלטער אין דעם הויך־אינדוסטריאַליזירטן קנופּ: קליוולאַנד־דעטראָיט־פּיטסבורג, אברהם שטראַוס, האָט צוגעשטעלט אַן אַרבעט וועגן אידן אין דער אויטאָ־אינדוסטריע, אין די שטאָל־פאַבריקן, ביי דער דזשענעראַל עלעקטריק, אין די אינדוסטריען פון אַלומינום און גומי. ווי גרויס די צאָל אידישע אַרבעטער איז דאָ, איז ניט באַקאַנט. אָבער ס'איז צוזאַמען דערמיט וויכטיג אַזאַ פאַקט: א. שטראַוס האָט אָנגערופן די נעמען פון פיל צענדליגער יוניאָן־פירער אין די שווערע אינדוסטריען — אידן (זיין אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינם ראש השנה נומער „מאָרגן פרייהייט", דעם 10טן סעפּטעמבער 1961 ; אין דער זונטאָגדיגער ענגלישער אָפּטיילונג — דעם 12טן און 19טן נאָוועמבער, 1961).

עס וועט נויטיג זיין ווייטערדיגע פאָרשונג אויף דעם געביט, אין ניו יאָרק

ווי איבערן לאַנד. מ'דאַרף באַדויערן וואָס די אָפיציעלע אידישע קערפּערשאַפטן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פאַרשן די פאַרשיידענע געביטן פון אידיש־לעבן דאָ אין לאַנד, שענקען ניט מער אויפמערקזאַמקייט דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג.

אידישע פּראָפעסיאָנאַלן, מיטלקלאַס, פאַרמער, „ריטאַיערטע"

ס'וועט אינטערעסאַנט זיין צו אָנווייזן אויף אַן ענדערונג אין'ם געביט פון אָנטייל פון אידן אין די פריע פּראָפעסיעס: ווייניגער צווישן דאָקטוירים, דענטיסטן און אַדוואָקאַטן, ווי אַמאָל און מער צווישן אינזשענערן און לערער. דאָס איז אַ באַזונדערער שטריך פון דער היינטיגער אידישער סטודענטשאַפט — און גאַנץ נאַטירלעך אַזוי. דאָס האָט אויך צוטאָן מיט דער אָפּשוואַכונג פון דיסקרימינאַציעס בנוגע אידישע אינזשענערן.

אַן אויספאָרשונג פון בני ברית האָט באַוויזן, אַז צווישן 1935 און 1955 איז דער פּראָצענט אידישע סטודענטן אויף אַדוואָקאַט־קורסן געפאַלן פון העכער 22 (22.3) אויף עטוואָס איבער 8 (8.2), בשעת אויפן אינזשענערן־געביט איז געווען אַ וואוקס — פון קאַרגע 10 פּראָצענט (8.9) אויף העכער 17 און אַ האַלב פּראָצענט (17.6). דער פּראָצענט סטודענטן, וואָס קלייבן זיך ווערן לערער איז געוואַקסן פון איבער 16 (16.1) אויף קאַרגע 19 (18.9).

פּונקט ווי צווישן אַרבעטער באַמערקט זיך אַן אַוועקגאַנג פון די „טראַדיציאָנעלע" אידישע פאַכן, אַזוי צווישן די פּראָפעסיאָנאַלן.

ס'איז בשום אופן ניט נויטיג צו פאַרווישן דעם פאַקט, אַז דער מיטלשיכט איז פּראָפּאָרציאָנעל באַדייטנדיג אויסגעוואָקסן ביי אידן. אָבער חוץ היסטאָרישע אידישע סיבות און חוץ דעם וואָס די אידישע באַפעלקערונג איז כמעט דורכאויס אַ שטאָטישע, זיינען דאָ אויך פאַראַן אַלגעמיינע סיבות. ס'איז באַקאַנט, אַז דער אימפּעט פונם וואוקס פון די „סוירוויסעס" (באַדינונג) איז אַ סך גרעסער אין אַמעריקע, ווי דער וואוקס פון דער אַרבעטערשאַפט. ציפערן פון אַן אַרבעט: „אָקיופּעישאָנאַל טרענדס אין דהי יו עס עי" (שטרעמונגען פון באַשעפטיגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן), פון ה. דיואַי אַנדערסאָן און פּוירסי ע. דעיווידסאָן, באַווייזן, אַז צווישן 1870 און 1940 איז דער פּראָצענט באַשעפטיגטע אין האַנדל געוואָקסן, פּראָצענטועל, אויף העכער דריי מאָל אַזוי פיל — פון 4.6 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל באַשעפטיגטע, אויף קאַרגע 14 פּראָצענט (13.8). און זינט 1940, ווי מ'קאָן זיך פאָרשטעלן, איז ערשט געווען אַ גרויסער וואוקס פון באַשעפטיגטע ביי „סוירוויסעס", ניט נאָר לויט דער צאָל נאָר אויך לויטן פּראָצענט.

ס'איז איבעריג צו זאָגן — כאָטש אונטערשטרייכן דאַרף מען — אַז דער מיטלקלאַס שיכט, ספּעציעל דער ניט־פאַרמעגלעכער, איז אַ וויכטיגער שותף פון די אַרבעטער אין קאַמף פאַר פּראָגרעס. און ווידער דאַרף מען אָנווייזן אויף דער ספּעציעלער ראָל פונ'ם אידישן מיטלקלאַס מענטשן, וועלכער ווייס וואָס פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם איז. קלאָר איז, אין לעצטן סך הכל, אַז די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, צוזאַמען מיט די קליינע

באַלמעלאָכעס און נידעריגן מיטלקלאַס בכלל, שטעלן פאַר מיט זיך די ווייט איבערוועגנדיגע מערהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע.

אגב, דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט פּרעטענדירט צו פאַרטרעטן אַ האַלבן מיליאָן אידישע אַרבעטער, אָבער דאָס איז אַ שטאַרק־איבערטריבענע ציפער, — ניט ווייל עס זיינען ניטאָ אַזוי פיל אידישע אַרבעטער, נאָר ווייל דער קאָמיטעט אָריענטירט זיך דער עיקר אויף אָרגאַניזירטע אַרבעטער, בשעת די גרעסטע מערהייט לוין־באַשעפטיגטע אין אַמעריקע, צווישן זיי אַ סך אידישע, זיינען ניט אָרגאַניזירט.

די אידישע פּאַרם־באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז געוויינלעך געשאַצט געוואָרן אין אַרום הונדערט טויזנט נפשות. די לעצטע צייט, אָבער, איז צוליב דעם קריזיס פון דעם איינצלנעם פּאַרמער אין דער אייער און הינער אינדוסטריע, די צאָל אידישע פּאַרמער באַדייטנדיג געפאַלן.

די לעצטע יאָרן האָבן אַרויסגערוקט אַן אַנדער „פּאַך" — אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — „ריטאַיערטע", אויסגעדינטע אַרבעטער, וואָס לעבן פון סאָציאַלער פּאַרזיכערונג. זיי פאַרדינען אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקייט. צווישן די „מאָרגן פרייהייט" לייענער מאַכן זיי אויס אַ גאַנץ היפּשן פּראָצענט. מיר לייגן געוויינלעך אַכט אויף די פראַגן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. די „מאָרגן פרייהייט", מעג מען דערמאָנען, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין קאַמף פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג — איינציג און אַליין אין דער אידישער פּרעסע! עס דאַרף אָבער מער געשריבן ווערן וועגן דעם לעבן און דער גע־זעלשאַפטלעכקייט פון די „ריטאַיערטע", וועלכע קאָנען זיין, דאַרפן זיין אַ קראַפט אין קאַמף פאַר פּראָגרעס.

וויפיל אידן אין אַמעריקע? וואו לעבן זיי?

מיר האָבן אין דער לעצטער צייט פאַרפעלט אַ ריי היסטאָרישע דאַטן צו באַצייכענען, דערין די דאַטע פון אַכציג יאָר מאַסן־אימיגראַציע אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1881-1882, מיט דער כוואַליע פאַר־פאָלגונגען און פּאָגראָמען אין אַלטן רוסלאַנד אין יענער צייט. ס'האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די „דריטע כוואַליע" אידישע אימיגראַציע אין אַמעריקע (די ערשטע — פון די ספרדיש־שפּאַניאָלישע אידן, די צווייטע — פון די דייטשע אידן). זינט דעמאָלט ביז דעם יאָר 1924, ווען די אימיגראַציע איז באַגרעניצט געוואָרן, זיינען אריין אין אַמעריקע 2,356,943 אידן און פון 1924 ביז 1959 (איינגעשלאָסן) — 435,954 אידן. כאָטש עס קומען נאָך אריין געוויסע צאָלן אידישע אימיגראַנטן — די מערהייט זייערע פון ישראל: 5,335 אין 1959 און אומגעפער אַזוי פיל אין 1960, האָבן מיר אָבער צוטאָן מיט אַ אידישער באַפעלקערונג פון אַרום פינף און אַ האַלב מיליאָן, צווישן וועלכער עס דאָמינירט, אין פּרט פון צאָלן, דער צווייטער און דריטער נאָך־אימיגראַציע דור. אַרום 75 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אויב ניט מער, איז היר־געבאָרן.

פון די העכער פינף און אַ האַלב מיליאָן אידן (5,531,500) געפינען

זיך אין ניו יאָרק, איינגעשלאָסן די פאָרשטעט, 2,401,600 אידן, אין לאָס אנדזשעלעס — 400,000, אין פילאַדעלפיע — 331,000, שיקאַגאָ — 282,000, באָסטאָן — 150,000, דעטראָיט — 90,000, קליוולאַנד — 88,000, וואַשינג־טאָן — 80,000, מיאַמי — 80,000, סאַן פראַנציסקאָ — 66,000. צוזאַמען ארום פיר מיליאָן אידן (3,969,000) אין די צען גרעסטע שטעט פון לאַנד. און די גרויסע מערהייט פון די אַנדערע אַנדערהאַלבן מיליאָן איז אויך אַ שטאָטישע (די אַלע ציפערן זיינען גענומען פון „אַמעריקן דזשואיש ייר בוק" — אַמערי־קאַניש אידישער יאָרבוך — ארויסגעגעבן פון דער אמעריקן דזשואיש קאָמיטע).

דאָס זאָגט אונז, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע געוויכט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע — פאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל, אין דער ארבעטער באַוועגונג און פאָליטישע פאַרטייען — איז ניט אין פאַרגלייך גרעסער ווי ווען עס וואָלטן זיך אין אַמעריקע געפונען צען־פופצן מיליאָן אידן, אָדער נאָך מער, צעוואָרפן איבערן לאַנד לויט דער פראָפּאָרציע פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אידן אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן

די קאָנצענטראַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די גרויסע שטעט איז אַן ענין פון גאָר גרויסן באַטייט. בכלל גענומען שטעלט דאָס פאַר מיט זיך אַן איינפלוס לטובת דעמאָקראַטיע, אין דער ריכטונג פון ליבעראַליזם און אין אַ באַשטימטער מאָס אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס. אַ באַווייז זיינען די פּרעזידענט־וואַלן, אין וועלכע ביז אַכציג פּראָצענט פון דער אידישער באַפעל־קערונג און אפילו מער — שטימען פאַר דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי. די מעיאָר־וואַלן אין ניו יאָרק, אין נאָוועמבער, 1961, ווען אידישע וויילער האָבן אין זייער איבערוועלטיגענדער מערהייט געשטימט פאַרן דעמאָקראַט וואַגנער, כאָטש אַ קאַטאָליק, געגן דעם רעפּובליקאַנער לעפקאָוויץ, כאָטש אַ איד, האָבן ווידער צוגעשטעלט אַ באַווייז ווי אַזוי אידן שטימען אין די וואַלן.

אויפ'ן געביט פון קאַמף פאַר ציווילע רעכט, קאַמף געגן נעגער־דיסקרי־מינאַציעס, געגן סעגרעגאַציע, האָבן כמעט אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר־נומען און פאַרנעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג. דאָס באַטייליגן זיך פון אידן, צווישן זיי אַ צאָל יונגע ראַבאַים, צווישן די „פרייהייט־פאָרער", איז גאָר אַ וויכטיגער שטריך.

צווישן די העכער 4,000 אמעריקאַנער פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן זיך אין די לעצטע חדשים פון 1961 ארויסגעזאָגט פאַר שלום, געגן „שעלטערס" (שוץ־קעלערן), האָבן זיך אָנגעזען פיל אידישע אינטעלעקטואַלן. אַ ריי רבנים־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך ארויסגעזאָגט געגן דער קאַלטער מלחמה, געגן די „בוירטשעלטערס" און אַנדערע. דער „קאָונסיל אָוו דזשואיש ווימען" (ראַט פון אידישע פרויען — איינע פון די עלטסטע אידישע פרויען־אָרגאַניזאַציעס) איז געגן די בוירטשעלטערס ארויסגעטראָטן. די אידישע מלחמה־וועטעראַנען זיינען אַקטיוו אין קאַמף געגן די ראָקוועל־נאַציס.

ליבעראַלע זשורנאַלן שטיצן זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף אידישער

ליענערשאפט. ניט אַ ייִנגייענדיג דאָ אין אַ ברייטערער אָפּשאַצונג פון דער ראָל פון אידן אין דער קולטור־וועלט, ווי אַ פאַקטאָר פאַר דעמאָקראַטיע — און אַזאַ שטודיע וואָלט געווען גאַנץ וויכטיג — וועט אפשר ווערט זיין צו דערמאָנען דעם דראַמאַטורג ארטור מילער, דעם פילם־פּראָדוצירער סטענלי קרעימער (וועלכער האָט געמאַכט די פילמען „אָן דהי ביטש" און „דזשאַדזשמענט עט נירענבערג"), ווי אַ באַשטימטע אָנדייטונג אויף דער דאָזיגער ראָל.

מ'דאַרף דאָ פאַרצייכענען אַ זייער וויכטיגן ארויסטריט פון דעם — קאָנסערוואַטיוון — אמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט (אמעריקן דזשואיש קאָמיטע), אינם פאַרגאַנגענעם חודש יאַנואַר, פאַר שלום. דער קאָמיטעט האָט אויף זיין יערלעכער זיצונג ממש ארויסגעלאָזט אַ שאַל־רוף פאַר שלום. דער קאָמיטעט האָט גערופן צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר מענטשן־רעכט און האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז מענטשן־רעכט אָן מענטשן האָט קיין זין ניט.

דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס איז סוף יאַנואַר ארויסגעקומען מיט אַ רוף צום קאַמף קעגן די „בוירטשערס" און האָט אָנגעוויזן, אַז די אולטראַ־רעכטע שטעלן פאַר מיט זיך אַ גרויסע געפאַר. ליבעראַלן טאָרן זיך ניט לאָזן פארמאַכן דאָס מויל דורך דער דעמאַגאָגיע פון די „אולטראַס", האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס גערופן.

מ'טאָר פאַרשטייט זיך ניט פאַרגעסן אַזעלכע מעקאַרטי־לייט, ווי דזשאָרדזש סאָקאָלסקי, דעיוויד לאָרענס, יודזשין לאָיאָנס און זייער גלייכן. זיי פאַרטרעטן אויך אַ באַשטימטן עלעמענט צווישן אידן אין אַמעריקע. אָבער עס וועט ריכטיג זיין צו זאָגן, אַז אין גרויסן און גאַנצן גענומען איז דאָס געוויכט פון אידן אין אַמעריקע — פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך, קולטורעל — אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע און ציווילע רעכט, פאַר די פרייהייט־טראַדיציעס פון אַמעריקע, אויף דער זייט פון שלום.

די סיבות פאַר דער דערשיינונג דאַרף מען זוכן אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, אַ געשיכטע פון פאַרפאָלגונגען און פון קאַמף קעגן אונטערדריקונג. די געשיכטע האָט געלערנט און לערנט, אַז רעאַקציע איז אַן אומגליק פאַר אידן און אַז די אינטערעסן פון אידישן פאָלק זיינען אויף דער זייט פון פּראָגרעס.

דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם

און דאָך איז דאָס אידישע לעבן ווייט „ניט מיט אַלעמען". עס פעלט אינהאַלט און עס פעלט קראַפט אין קאַמף פאַר אידישע רעכט, אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס.

דאָס אידישע לעבן איז שטאַרק אָרגאַניזירט — און דעזאָרגאַניזירט. דער „אַמעריקן דזשואיש יער־בוק" (1961) פאַרמאָגט אַ צעטל פון ארום 220 נאַציאָנאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פיל פון זיי האָבן אַ מיטגלידערשאַפט פון הונדערטער טויזנטער. למשל: בני ברית ארום 450 טויזנט, הדסה ארום 350 טויזנט, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ארום 100 טויזנט. די אידישע צענטערס, מייסטנס פאַר יוגנטלעכע, האָבן אַ מיטגלידערשאַפט פון העכער 600

טויזנט. די רעליגיעזע סעקטאָרן: אָרטאָדאָקסישער, קאָנסערוואַטיווער, רעפאָרמיסטישער, פרעטענדירן ממש אויף מיליאָנען מיטגלידער. די אידישע באַפעלקערונג איז שטאַרק אָרגאַניזירט, זי „געהערט", איז „אָנגעשלאָסן" און אין דער זעלביגער צייט — דעזאָרגאַניזירט. עס פעלט אייניגקייט אין קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם. עס פעלט אייניגקייט אויף בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן.

ס'איז ניט קיין סתירה צו זאָגן, אַז אַנטיסעמיטיזם איז שוואַכער געוואָרן אין אַמעריקע — און שטאַרקער. שוואַכער — דורכדעם וואָס די אידישע באַפעלקערונג איז געוואָרן מער אינטעגרירט — פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל. אידישע אינטעלעקטואַלן האָבן וויינגער שטערונגען אויף אָנקומען אין אוניווערזיטעטן, אויף זיין לערער, פּראָפעסאָרן אין הויך־שולן, כאָטש באַגרענצונגען זיינען נאָך פאַראַן. און אויב אין די „יוטיליטיס" (גאַז און עלעקטריע באַדינונג, טעלעפאָן), אין די בענק און אַנדערע צווייגן ווערן נאָך אידן דיסקרימינירט, זיינען אָבער אונטערן דרוק פון דער ווירקלעכקייט פאַר אידישע אינזשענערן געעפנט געוואָרן די טויערן פון פאַבריקן און לאַבאָראַטאָריעס. די ראָל פון אידן אין דער וויסנשאַפט איז גאָר אַ באַדייטנדיגע.

דער אויסברוך פון „בוירטשיזם", דער וואוקס פון די עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַציעס פון פאַשיזם און נאַציזם, איז ניט קיין כאַראַקטעריסטישער אויסדרוק פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, — ווי מיר זעען פון די אַלגעמיינע וואַלן, אָדער פונם דערפאָלג פון אַנטי־נאַצי ליטעראַטור, אַנטי־נאַצי פילמען, אָדער לויט דער באַוועגונג פאַר שלום. דאָס בושעווען פון די עקסטרעם־רעכטע און פאַשיסטישע עלעמענטן איז אַן אויסדרוק פון דער מאָביליזאַציע פון אַ מינדערהייט — פינצטערע כוחות, מלחמה־לייט, אַ געפערלעכע מאָביליזאַציע, פאַרשטייט זיך! אַזוי מיט די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, וועלכע זיינען אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער מאָביליזאַציע.

אייניגקייט — אַ לעבנס - פראַגע!

וואו'זשע איז אָבער די מאָביליזאַציע פון דער אידישער באַפעלקערונג — צוזאַמען מיט דער ניט־אידישער, מיט די נעגער־מאַסן, מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג — אין קאַמף געגן די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלער אויף אידן, געגן די באָמבאַרדירונגען פון סינאַגאָגעס? וואו איז די קראַפט אויף געגנשטעלן זיך די ראַקוועל נאַצי־בויאַנעס, וואָס זאָל אויסאיבן אַ דרוק עס זאָל פאַרבאָטן ווערן ראַסן־פּראָפּאַגאַנדע, דערשלאָגן זיך, ווי אַן אָנהויב אויף דעם געביט, אַז די פּאָסט, צום ווינציגסטן, זאָל ניט פאַרשפּרייטן קיין אַנטיסעמיטישע און בכלל ראַסיסטישע „ליטעראַטור"?

לײדער זעען מיר דאָ אין אַ גרויסער מאָס די אַלטע שאַ־שאַ שטעלונג. אויב עס איז פאַראַן טעטיגקייט, ווערט זי געטאָן אויף אַ צעשפּליטערטן שטייגער, מיט אומנויטיגע דופּליקאַציעס, אָפט ניט עפעקטיוו.

ס'איז די לעצטע צייט, אין פאַרבינדונג מיט'ן אייכמאַן־משפט אין ירושלים, געוואָרן אַקטועל די פראַגע: וואָס האָבן אַמעריקאַנער אידן געטאָן

אין די יאָרן ווען דער נאַציזם האָט געבושעוועט אין איראָפּע, ווען די קוימענער פון די אָשוועטשימס האָבן געריכערט? פון געוויסע קרייזן הערן מיר אַ תירוץ, אַז די אַמעריקאַנער אידן האָבן ניט געוואוסט. ווען מיר אין דעם איצט ניט אַריינגיין. אָבער וואָס די נאַצי־באַנדעס טוען אין אַמעריקע איצט איז גוט באַוואוסט פאַר די אַמעריקאַנער אידן! און מ'ווייס אויך, אַז אין די אַלע יאָרן וואָס סינאַגאָגעס ווערן באָמבאַרדירט האָט מען זעלטן ווען אַרעסטירט און פאַר'משפּט אַ כוליגאַן פאַר די פאַרברעכערישע מעשים. איז וואָס טוען אַמעריקאַנער אידן, איצט?

זאָל דאָ אָנגעוויזן ווערן, אַז בשעת דער סוואַסטיקאַ־מגפה, אין אָנהויב 1960, זיינען אין אַנדערע לענדער — פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַרגענטינע — פאָרגעקומען פאַראייניגטע אידישע דעמאָנסטראַציעס. אין ענגלאַנד איז לעצטן יאָר פאָרגעקומען אַ פאַראייניגטע געטאָ־אויסשטעלונג. אין פּאַריז איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אַ פאַראייניגטע אידישע אַקציע אַרום דעם דענקמאָל פאַר'ן אידישן מאַרטירער. גראַד אין אַמעריקע, מיט אַ ישוב, וואָס מאַכט אויס שיעור ניט אַ העלפט פון גאַנצן אידישן פאָלק, זיינען אַזעלכע זאַכן ניט געזען געוואָרן, זעט מען ניט אַזעלכע זאַכן.

אַביישפּיל פון אַלגין'ען

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן עטוואָס וועגן דער ראָל פון פּראָגרעסיווע עלע־מענטן צווישן אידן, איינגעשלאָסן אַזעלכע וואָס אינטערעסירן זיך ניט מיט אידישע ענינים, אָדער ספּעציעל טאָקע אַזעלכע. וואָס איז זייער ראָל אויף מיטהעלפן, אַז דער אידישער ישוב אין אַמעריקע, וועלכער איז, ווי מיר האָבן געזען, אַ וויכטיגער פאַקטאָר אויפן פּאָליטישן געביט און אַנדערע געביטן, — וואָס איז זייער ראָל, די ראָל פון די פּראָגרעסיווע, מיטצוהעלפן, אַז דער אידי־שער ישוב זאָל אַקטיוויזירט ווערן, אויף אַ פאַראייניגטן אופן, אין קאַמף געגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, זייט ביי זייט מיט די נעגער־מאַסן, מיט דער אַרבעטער באַוועגונג און מיט דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג בכלל, אין קאַמף פאַר שלום? אויף וועמען לאָזן זיי די אַרבעט צווישן די אידישע מאַסן — אויף די עלעמענטן וואָס ווילן ניט קיין איינינקייט און ווילן ניט קיין קאַמף?

מיר האַלטן איצט ביים 40טן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט" — אַ צייטונג וואָס אַלגין איז געווען איינער פון אירע גרינדער. אַלגין וואָלט אויך געקאָנט געווען געפינען זיין אָרט — און אַ חשוב אָרט — אין דער אַלגעמיינער אַמעריקע, אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַרבעט, אָדער אויפן קולטור געביט. ער האָט אָבער אויסגעקליבן צו זיין צווישן די אידישע מאַסן, העלפן מאָביליזירן זיי אין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, העלפן בויען די אי־דישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור, שטאַרקן דעם פּאָזיטיוון איינפלוס פון אידן אויף דער אַמעריקאַנער אָרענע בכלל. אויף אַזאַ אופן האָט אַלגין געמאַכט זיין היסטאָרישן ביישטראָג צום קאַמף פאַר אַ בעסערער אַמעריקע. זאָל דאָס דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר יענע פּראָגרעסיווע, וואָס געפינען פאַר באַקוועמער אָפּצורייסן זיך פון אידישער

מאסן־קולטורעלער ארבעט, אפצורייסן זיך פון דער „מארגן־פרייהייט״, אדער האבן צו איר, אין בעסטן פאל, א פלאטאנישע באציאונג.

אין דער לעצטער צייט זיינען ווידער דורכגעפירט געווארן א ריי פארשונגען וועגן דעם ווי עס האלט מיטן אידישן לעבן אין אמעריקע. מ׳האט געמאכט אן אנאליז פון דער אידישער באפעלקערונג אין מינעאפאלים, אין סאן פראנציסקא. דער זשורנאל „קאמענטארי״ האט געמאכט אן אנקעטע צווישן אידישע אינטעלעקטואלן און דער זשורנאל „דזשודאאיזם״ האט נאכגעפאלגט מיט אזא אנקעטע. ס׳איז ארוים אן ארבעט וועגן דעם צושטאנד פון דער אזוי־גערופענער „גאלדענער געטא״, פון דער „סובורביא״ (פארשטאט). די אונטערשטע שורה פון די אלע פארשונגען איז, אז כאטש אידיש לעבן איז פאראן, איז ארגאניזירט, ווי מיר האבן געזען, איז אבער דער אינהאלט א שוואכער, אדער איז אינגאנצן ניטא.

באציאונג צו רעליגיעזע

ס׳איז וויכטיג צו דערמאנען, אז די ציפערן האבן באוויזן, אז דער אזוי־גערופענער „רעליגיעזער אויפשוואונג״ איז א לעגענדע. אזוי האט די סאן פראנציסקער אויספארשונג באוויזן, אז כאטש ארום 62 פראצענט (62.4) פון דער אידישער באפעלקערונג זיינען צוגעשריבן צו סינאגאגעס, באזוכן אבער בלויז אנדערהאלבן (1.6) פראצענט די סינאגאגע איינמאל אין וואך. דאס הייסט, העכער 98 פראצענט באזוכן איינמאל אין וואך אויך נישט. ניט קיין סך בעסערע רעזולטאטן האט געגעבן די מינעאפאלים אויספארשונג. ס׳איז אויך באוויזן געווארן, אז וואס גרעסער די שטאט אלץ קלענער די צאל צוגעשריבענע צו סינאגאגעס.

רעליגיעזע „ריל עסטעיט״ (געביידעס) הערט טאקע ניט אויף צו וואקסן. אבער ס׳איז שוין געווארן א ווערטל: וואס מער מ׳בויט סינאגאגעס אלץ ווייניגער דאוונט מען. מ׳בויט — ווייל מ׳דארף, הייסט עס, באווייזן ניט־אידן, אז מ׳האט רעליגיעזע אינסטיטוציעס. און אפשר בויען די רייכע כדי די ארימע זאלן דאוונען...

מיר רעדן דא וועגן דער פאקטישער לאגע, וועלכע ווערט אויך אנערקענט פון רעליגיעזע פירער און מיר זוכן צו מאכן **אונזערע** אויספירן. מיר פירן ניט קיין קאמף געגן רעליגיע. מיר זוכן צו גיין צוזאמען מיט רעליגיעזע מענטשן, מיט אלעמען אן אויסנאם, אין קאמף פאר שלום, ציווילע רעכט. מיר שאצן אפ די ארויסטרעטונגען פון רבנים פאר שלום, געגן הויזינגער׳ן, ווי פריער אנגעוויזן. ניט נאר פירן מיר ניט קיין קאמף געגן רעליגיע נאר מיר זיינען אלע מאל גרייט צו קעמפן פארן רעכט פון רעליגיעזע מענטשן צו פירן זיך ווי זיי געפינען פאר נויטיג — ווי מיר זיינען גרייט צו קעמפן פארן רעכט פון ניט־רעליגיעזע. מיר אלארמירן געגן די באמבארדירונגען

פון סינאַגאָגעס — טאַקע דערפאַר וואָס די באָמבאַרדירונגען זיינען אַקטן פון נאַציזם־אַנטיסעמיטיזם, אָבער אויך דערפאַר ווייל די רעליגיעזע עלע־מענטן ווערן דורכדעם געשטערט אין זייער אַרט לעבן. דאָ, אין אונזער אַנאַליז, זוכן מיר נאָר צו פּרעזענטירן די רעאַלע לאַגע, ווי מיר זעען זי און צו מאַכן אונזערע אויספירן.

אידישע קינדער־שולן, דאָס בוך, אידיש טעאַטער

מ'דאַרף אָבער זען אַלע פּאַזן פון דער סיטואַציע. און דער אמת איז, אַז די סינאַגאָגע, דער טעמפּל, אויב זיי זיינען ניט קיין צענטערן פאַר דאַווּ־נען, זיינען זיי יאָ אָבער צענטערן פאַר פאַרשיידנאַרטיגער טעטיגקייט. אַ באַזונדער ראָל שפּילן זיי אויפן געביט פון קינדער־דערציאונג.

עס באַזוכן איצט אידישע קינדער־שולן אַרום 600 טויזנט קינדער איבערן לאַנד. 40 פּראָצענט פון די שולן געפינען זיך אין רשות פון די קאָנסערוואַטיווע סינאַגאָגעס, אַרום 30 פּראָצענט פון די רעפאָרם־טעמפּלען, אַרום 20 פּראָצענט פון די אָרטאָדאָקסישע סינאַגאָגעס. אַנדערע טיפּן שולן — אַרום צען פּראָצענט, דערין די אַזוי־גערופענע אידישיסטישע. אַרום די סינאַגאָגעס און טעמפּלען ווערט אַנטוויקלט אַ פאַרשיידנאַרטיגע טעטיגקייט, ווי געזאָגט. אָבער דאָס האָט ניט צוטאָן מיט רעליגיעזן רענעסאַנס. אַזאַ רענעסאַנס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער צייט. און מ'קאָן ניט זאָגן, אַז די קינדער־דערציאונג, אויף אַ רעליגיעזן אונטערשלאַג, זאָל האָבן וועלכן עס איז באַדייטנדיגן ווערט. די אויבן־דערמאָנטע אַנקעטעס און אַנדערע אויספאָרשונגען באַשטעטיגן עס.

ס'איז באַקאַנט, אַז צווישן געוויסע אידישיסטן האָט מען זיך די לעצטע יאָרן אַ קער געטאָן צו רעליגיע, ריכטיגער — צו רעליגיעזע מנהגים, כדי צו פאַרשטאַרקן אידישקייט, הייסט עס. אויף וויפיל דער רעליגיע־עלעמענט ווערט און מוז ווערן אַלץ שוואַכער — ניט נאָר ביי אידן — אויף אַזוי פיל איז קלאָר, אַז דער טראַפּ מוז אַלץ מער און מער געשטעלט ווערן אויף וועלט־לעכקייט. און ערשט דאָ איז נויטיג איינ;קייט!

די אידיש־וועלטלעכע קולטור־אַרבעט ליידט ביטער פון דער אומאיי־ניגקייט, פון דער צעריסנקייט. די אידיש־וועלטלעכע שול־באַוועגונג איז צעשפּאָלטן און די וויכטיגסטע אידיש־וועלטלעכע סיסטעם, די פּראָגרעסיווע, ווערט דיסקרימינירט, ווערט ניט אַריינגענומען אין חשבון אפילו (דערפאַר באַקומט זיך, אַז אַלע אידישיסטישע שולן האָבן קוים איין פּראָצענט פון די קינדער — אַרום 6 טויזנט — בשעת די פּראָגרעסיווע שולן אַליין האָבן ניט קיין סך ווייניגער דערפון).

אַזוי מיטן אידישן בוך, אַזוי מיטן אידישן טעאַטער. דער טעאַטער איז ערשט אַ שרייענדיגע אילוסטראַציע פון דער צעריסנקייט. אַזאַ אינ־סטיטוציע קאָן עקזיסטירן נאָר דורך רעגירונגס־סובסידיעס, אָדער דורך אַ מאָביליזאַציע פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. די צעשפּאָלטנקייט, די מעקאַר־טישע דיסקרימינאַציעס, האָבן געהאָלפן באַגראָבן דאָס אידישע טעאַטער.

די ראָל פון פּראָגרעסיוון אידישן סעקטאָר

כדי מיר זאָלן האָבן אין אַמעריקע אַ געזונט אידיש לעבן מוז פאַרשטייט זיך די איינשטעלונג זיין אויף דאָ'איגקייט. מ'קאָן ניט יוצא זיין מיט געבן געלט פאַר ישראל, אָדער מיט אַרבעטן פאַר ישראל. דער אינטערעס צו ישראל איז, פאַרשטייט זיך, אַ באַרעכטיגטער, — מיר וועלן שפּעטער רעדן וועגן דעם. אָבער קודם כל מוז זיין דאָ אַ געזונט אידיש לעבן.

אין דער ערשטער ריי קומען די היגע פאָלקס־אינסטיטוציעס. און אין אַ פאַראייניגטער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט מוזן פאַרנעמען זייער באַרעכטיגט אָרט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע מאַכן אַ ספּעציעלן ביי־טראָג צום אידישן לעבן, אַ גרויסן ביי־טראָג, — דורך שטעלן דעם טראָפּ אויף די אָנזאָגן און דער ליטעראַטור פון די קלאַסיקער אויף יענער זייט ים און די היגע דיכטער־קלאַסיקער, דורך לעבעדיג האַלטן די פּראָגרעסיווע אידישע טראַדיציעס, זייט ביי זייט מיט די פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון אַמעריקע, לעבעדיג האַלטן די קאַמף־טראַדיציעס פון די אידישע אַרבעטער, לעבעדיג האַלטן די ירושה פון דורות בויער פון דער אידישער קולטור, די ירושה פון ווינטשעווסקי און עדעלשטאַדט, באָװשאָװער און מאָרים ראָזענפעלד, די ירושה פון אָלגין און זשיטלאָװסקי.

דורך בויען די קלובן און סאָסאַיעטיס, דעם איקוף אין די לייען־קרייזן, די פּראָגרעסיווע קינדער־שולן, די כאָרן און אָרקעסטערס, די פרויען־פאַר־איינען, דורך אויפהאַלטן די צייטונג פון אָלגין און ווינטשעווסקי, די „מאָרגן־פרייהייט", העלפן די פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישע אידישע עלעמענטן אַריינ־טראָגן אינהאַלט אינם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד, טוען זיי אַ ברייטע פאָלקס־אַרבעט. די ראָזענפעלד־פייערונגען היינטיגס יאָר זיינען אַ ביישפּיל, ווי דאָס זיינען געווען די שלום־עליכם און פּרץ פייערונגען, פריערדיגע יאָרן, ווי ס'איז געווען דאָס באַצייכענען דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון דוב־נאָוו'ן און פרוג'ן פאַראיאָרן, ווי ס'איז דאָס באַצייכענען היינטיגס יאָר דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון ראובן ברייניג'ען, אָדער דאָס פייערן פון 25 יאָר איקוף.

דאָרט וואו די פּראָגרעסיווע אידישע עלעמענטן זיינען טעטיג און עס קומען פאַר אַזעלכע פייערונגען, ווי בכלל קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרויס־טרעטונגען, אידישע קאָנצערטן, איז דאָס אידישע לעבן פיל רייכער, ווי אין די פונקטן וואו עס ווערן אַזעלכע פייערונגען ניט איינגעאָרדנט. אָבער אויף וויפיל רייכער וואָלט געווען דאָס אידישע לעבן בכלל, ווען פיל פון די פייערונגען און אַנדערע טעטיגקייטן וואָלטן פאָרגעקומען אויף אַ באַזע פון איי־ניגקייט, פון פאַרשיידענע עלעמענטן צוזאַמען. די יאָרן ווען די „אַמעריקאַ־נער אידישע קאָנפערענץ" האָט עקזיסטירט, ווען דער אידישער ביכער־ראַט איז געווען פריי פון מעקאַרטיזם, זיינען געוויסע ביישפּילן.

מעקאַרטיזם גראָבט אונטער דאָס אידישע לעבן

די מעקאַרטישע דיסקרימינאַציעס שטעלן פאַר מיט זיך אַ געוואַלטיגן

אומגליק אינם אידישן לעבן — אַן אומגליק אָפּט אויך פאַר די, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט פראַווען דיסקרימינאַציעס.

אָט האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג, נ. כאַנין, זיך מישב געווען אין דעצעמבער 1961 און עפנטלעך געמאַכט אַ דערקלערונג — אויף דער קאָנפערענץ פונם דירעקטאָרן־ראַט פון דער אָרגאַניזאַציע — אַז ניט ער אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר און ניט דער אַרבעטער רינג אַלס אָרגאַ־ניזאַציע האָבן זיך ניט באַטייליגט אין דער „אויפלייזונג" פון דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. וועלן מיר זיך אויף דער פראַגע וועגן באַטיי־ליגונג ברייט ניט אָפּשטעלן. ס'איז קלאָר, אַז בשעת דעם מעקאַרטישן מכשפה־געיעג אין אָנהויב פון די 50ער יאָרן איז ניט נויטיג געווען אַלע מאָל דירעקט צו באַטייליגן זיך אין אַ פּאָגראָם אויף פאָרגעשריטענע קערפּערשאַפטן. עס איז גענוג געווען מ'זאָל העלפן שאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר אַזאַ פּאָגראָם. אַז מיטאַרבעטער פון דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג און דער אָרגאַן פון די עלעמענטן, דער „פאָרווערטס", האָבן זיך פאַרנומען מיט מסירות און פראָוואָקאַציעס, צו שאַפן אַזאַ אַטמאָספערע, איז גוט באַקאַנט. און די דירעקטע באַטייליגונג פון די עלעמענטן אין מעקאַרטישער אַרבעט איז בשום אופן ניט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן.

אָבער פאַרוואָס האָט זיך דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג מישב געווען אַכט יאָר נאָכדעם ווי דער פּאָגראָם אויפן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן איז פאַרענדיגט געוואָרן? וואָס אַזוינס האָט אים איצט אַ שפּאַר געטאָן?

דאָס איז אַ פראַגע וואָס ווערט זייער מעגלעך געפרעגט אויך אין די קרייזן פון אַרבעטער רינג און דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַ־ציע וואָלט געקאָנט בעסער זוי ווער עס איז די פראַגע פאַרענטפערן. מיר קאָנען זיך נאָר אָנשטויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן אַן אומרואיג געוויסן, וועגן אַ שולד־געפיל פאַר'ן פאַרגאָסענעם בלוט, נאָר אויך וועגן גורל פונ'ם אַרבעטער רינג גופא. ס'איז גוט באַוואוסט, אַז די „בוירטשערס", ווי פּרעזידענט קענעדי האָט אָנגעוויזן, מאַכן אַ גלייך־צייכן צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם, צווישן סאָציאַליזם און ליבעראַליזם. די אַטמאָספערע פון מע־קאַרטיזם מוז אָנרירן דעם אַרבעטער רינג גופא, וועלכער איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע — אָפיציעל און אין אַ באַשטימטער מאָס פּאַקטיש. אפשר איז דאָס איינע פון די סיבות פאַרוואָס די אָרגאַניזאַציע האָט איצט 63 טויזנט מיטגלידער, לויט אָפיציעלע אָנגאַבן, בשעת זי האָט שוין אַמאָל געהאַט העכער 80 טויזנט מיטגלידער.

אויך אין די אינטערעסן פון אַרבעטער רינג, ווי אין די אינטערעסן פון אַלע אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, איז נויטיג קאַמף געגן מעקאַרטיזם, נויטיג אָפּוואַרפן און אָפּטרייסלען זיך פונם געשריי פון די „בוירטשערס": „קאָמוניזם". אַן אויסגעשפּראָכענער קאַמף געגן „בוירטשיזם" און אַן אַטמאָ־ספערע פון אייניגקייט וואָלט געשטאַרקט דאָס אידישע מאַסן־לעבן, וואָלט געהאָלפן בויען די אידיש־וועלטלעכע קולטור, בויען אַ אידיש טעאַטער, פאַר־שפּרייטן דאָס אידישע בוך.

וואָס באַדייט איינהייט ?

אויב איר ווילט, איז איינהייט, פאָלקס־איינהייט, אַ מין כישוף־שטעקל, וואָס וואָלט טראַנספאָרמירט דאָס אידישע לעבן, וואָס וואָלט אַרויסגערופן צו טעטיגקייט די איבערוועגנדיגע מערהייט, וועלכע אינטערעסירט זיך בכלל ניט, „קאָכט" זיך ניט, גייט אַרום אין די ווייכע שטעק־שיך. נייע פאָלקס־קוואַלן וואָלטן אָנגעהויבן שפּרודלען. איז ניט קלאָר, למשל, וויפיל טויזנטער און טויזנטער אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן עס וואָלטן זיך אָפּגערופן אויף אַ פאַראייניגטער מאַריס ראָזענפעלד פייערונג, פאַראייניגטער ווינטשעווסקי־פייערונג, פון רעכטע און לינקע צוזאַמען, אידיש־רעדנדיגע און ענגליש־רעדנדיגע — אין ניו יאָרק, אין דער שטאָט פון דריט־האַלבן מיליאָן אידן ?

רעדט מען וועגן איינהייט, מוז מען געדענקען, אַז מען קאָן און מען דאַרף זיך צונויפקומען מיט אַנדערע עלעמענטן בנוגע איין פראַגע — בשעת מען גייט זיך פונאַנדער אין אַן אַנדער פראַגע, אָדער פראַגן. מען קאָן און מען דאַרף, למשל, גיין צוזאַמען מיט די אידישע מלחמה־וועטעראַנען אין קאַמף געגן ראַקוועל'ן, בשעת מען קאָן דורכאויס ניט מסכים זיין מיט זייער שטעלונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען קאָן און מען דאַרף גיין, למשל, מיט'ן אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס געגן די „בוירטשערס", אָדער מיט דער אַמעריקן דזשואיש קאָמיטע אין קאַמף פאַר שלום, ניט מסכים זייענדיג מיט זיי אין דער פראַגע פון ציוניזם, בן גוריון אָדער ווידעראַמאָל סאָוועטן־פאַרבאַנד. און —

דערלויבט מיר דאָ אונטערצושטרייכן פאַר אונז אַלעמען — יע, פאַר זיך אַליין אויך — אַז עס איז ניט גענוג מסכים צו זיין, אַז איינהייט איז אַ גוטע זאַך . . . ס'איז נויטיג צו ווייזן אַ ביישפּיל, אויפגעבן אַלטע סעקטאַנטישע מעטאָדן, אויב מען פאַרמאָגט אַזעלכע, באַהערשן די קונסט פון צונויפקומען זיך אויף אַ פרייגטלעכן שטייגער מיט אַנדערע עלעמענטן, פאַראינטערעסירן זיך מיט די טעטיגקייטן פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין דער געגנט וואו מען וואוינט, אידיש־רעדנדיגע און ענגליש־רעדנדיגע, שאַפן קאָנטאַקט, אַרויסטרעטן צוזאַמען וואו נאָר מעגלעך, אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן, פאַר דער אידישער קולטור, געגן ראַסיזם פון יעדן מין, געגן די ראַקוועל־באַנדיטן, געגן דער קאַלטער מלחמה.

איינהייט איז די שרייענדיגע נויט פונם מאָמענט ! איינהייט אין קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם ! איינהייט אין קאַמף פאַר שלום ! איינהייט — כדי צו ווירקן, אַז די יונאַיטעד נעישאָנס (יו־ען) זאָל זיין אַן עפעקטיווער פאַרקטאָר, דורכצופירן איר באַשלוס פאַר אַלגעמיינער און פולער אַנטוואָפענונג, געגן קאָלאָניאַליזם ! איינהייט אינם בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן ! זאָל פון דאַנען גיין דער רוף, זאָל פון אונז אַלעמען אויף די ערטער, איבערן גאַנצן לאַנד, גיין דער רוף צו פאַראייניגטע אַקציעס, ווי קליין זיי זאָלן ניט זיין, — נאָר זאָלן זיי זיין וואָס גרעסער, אין די אינטערעסן פון פאָלק, פון אַמעריקע, פון אַ גליקלעכער וועלט !

נעגאַטיווע מאָמענטן אינם אידישן לעבן

איינינקייט באַדייט נישט אָפּווישן די אייגענע פּרינציפּן, באַדייט נישט אָפּשאַפן חלוקי דעות, אָדער ניט האָבן קיין רעכט אָנצואווייזן אויף נעגאַטיווע מאָמענטן. און דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע פאַרמאָגט ליידער, חוץ צעשפּאָלטנקייט און אָפט כאַאָס, שאַרף נעגאַטיווע שטריכן, אין פּאָליטישן זין, ווי אינם זין פונם אינערלעכן מהות.

צוזאַמען מיט די פריער־אָנגעוויזענע זייער וויכטיגע פּאָזיטיווע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע מאָמענטן אינם אידישן לעבן, מערקט זיך אין דער זעלביגער צייט אַ צוגעבונדנקייט מצד אַ היפּשן טייל פון דער אידישער פירערשאַפט — און איך שטרייך אונטער: **פירערשאַפט** — צו דער ליניע פונם סטעיט־דעפּאַרטמענט, ווי שעדלעך די ליניע זאָל ניט זיין פאַר אַמעריקע און פאַרן אידישן פאָלק. אַ באַווייז איז די שטעלונג פון דער דאָזיגער פירערשאַפט צום אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים און צום ענין הויזינגער.

אַז דער אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים איז דורכגעפּרעסן פון נאַציזם, גיבן צו אויך פיל אידישע פירער. און עס רייסט דאָך פּשוט די אויגן דער פאַקט, וואָס דער מיטפאַרפאַסער און אויסטייטשער פון די נירענבורגער געזעצן אויסצוראָטן דאָס אידישע פאָלק, האַנס גלאָבקע, אייכמאַנ'ס שותף, איז אַדענאַוער'ס רעכטע האַנט. און עס איז דאָך ניט אויסצורעכענען די צאָל נאַצים אין דער אַדענאַוער רעגירונג בכלל, אין דער אַרמיי, אין דעם דיפּלאָמאַטן־דינסט, צווישן די ריכטער, לערער, פּראָפעסאָרן און אַזוי ווייטער. דאָ האַנדלט זיך דאָך, רעדנדיג וועגן די גלאָבקעס און הויזינגערס, וועגן **מערדער פונ'ם אידישן פאָלק!** די לעצטע אויפדעקונגען וועגן גלאָבקע'ן און הויזינגער'ן באַווייזן, אַז מיר האָבן צוטאָן מיט מאַסן־מערדער, וועמענס שולד עס איז אַ האָר ניט ווינציגער ווי די שולד פון אייכמאַנ'ען. דאָ האַנדלט זיך, רעדנדיג וועגן באָן, **וועגן אַ מורא'דיגן מאָנסטער, וואָס ווערט אויפגעבויט געגן אידישן פאָלק, געגן אַמעריקע, געגן דער גאַנצער מענטשהייט.** אָבער קיין אָפענער אַרויסטריט מצד דער אידישער פירערשאַפט אין אַמעריקע געגן דעם אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים, קיין קאַמף געגן דער שותפות מיטן נעאָ־נאַציזם אין דער נאַטאָ, זעט זיך ניט. ווידער איז מען געפאַנגען פונם היטלערישן גרויסן ליגן פון אַנטי־קאָמוניזם, אַנטי־באָלשעוויזם, ווי ערב און בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקאַנער אידן האָבן ניט געטאָן זייער פולע פליכט פאַרן אידישן פאָלק. אָט דערפאַר האָבן מיר, צו אונזער שאַנד און ווייטאָג, געזען ווי בשעת אין אַנדערע לענדער זיינען פאָרגעקומען פאַראייניגטע אַנטי־סוואַסטיקאַ דעמאָנסטראַציעס, געטאָ־פייערונגען, זיינען אַזעלכע אַקציעס דאָ אין אַמעריקע ניט פאָרגעקומען, קומען ניט פאָר.

דער ענין הויזינגער האָט געשטאָכן און שטעכט די אויגן. דער סענאַטאָר וויין מאָרס, ניט קיין איד, איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין היסטאָרישער רעדע אין סענאַט אין וואַשינגטאָן, דעם 19טן אַפּריל 1961, געגן הויזינגער'ן. אָבער סענאַטאָר דזשעיקאָב דזשאַוויץ, אַ איד, האָט ניט נאָר געשוויגן, נאָר

האָט אין בריוו צו ווײלער ווידערהאָלט די ליניע פונם סטעיט־דעפּאַרטמענט, אַז היטלער'ס הויפּט סטראַטעג, הױזינגער, איז כשר.

אַזוי בנוגע דער בערלין־פּראַגע, אַזוי בנוגע דער קאַלטער מלחמה בכלל, אַזוי בנוגע דעם אינסטרומענט פון דער קאַלטער מלחמה — אַנטי־סאָוועטיזם. צופיל אידישע פירער טרעפט מען אויף דער זייט פונם סטעיט־דעפּאַרטמענט.

דאָ מוז מען באַלד אונטערשטרייכן: ניט אַלע פירער! אַזאַ פירער פונם ציוניזם, ווי ראַבאַי אבא הלל סילווער איז געגן דער קאַלטער מלחמה און גייט, בכלל גענומען, ניט נאָך דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט. אין דעם אַנטי־הױזינגער קאַמף שפּילט אַן ערנהאַפטע ראָל דער ראַבאַי שמואל בער יאַמ־פּאָל, אַ וויכטיגע פיגור אינם ציוניזם און צווישן די רבנים אין שיקאַגאָ. און עס זיינען דאָ נאָך. אָבער זיי זיינען אַ מינדערהייט צווישן די פירער, אַ קליינע מינדערהייט, לײדער. ווייל מען זיך איבערצייגן ווי עס האַלט מיט דער אידישער פירערשאַפט בכלל, איז גענוג מען זאָל אַ קוק טאָן אויף דער בירגערלעכער אידישער און אידיש־ענגלישער פּרעסע, וועלכע איז כמעט דורכאויס, מיט זייער קליינע אויסנאַמען מצד געוויסע מיטאַרבעטער, אויף דער זייט פון דער קאַלטער מלחמה.

איינפלוס פון דער גרויס-בורזשואַזיע און בן גוריון פּאָליטיק

די סיבות דערפאַר, קאָן מען זאָגן, זיינען צוויי. ערשטנס, זוכט די אי־דישע גרויס־בורזשואַזיע — און עס איז, פאַרשטייט זיך, דאָ אַזעלכע אין אַמעריקע — אויסצואיבן איר איינפלוס אויפן אידישן לעבן. זי האָט אַ גרויסע דעה אינם יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל (פאַראייניגטער אידישער אַפּיל), וועלכער דעקט דעם בודזשעט פון פיל אידישע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן. זי זוכט אויסצואיבן אַן איינפלוס דורכ'ן אַמעריקאַנער אידישן קאָמיטעט (אַמעריקן דזשואיש קאָמיטע), וועלכער איז אַקטיוו אין דער רעפאָרם־טעמפּל באַוועגונג, אין טעאָלאָגישע און אַנדערע אינסטיטוציעס, האָט אַ ווירקונג אויף אַ טייל פון דער ענגליש־רעדנדיגער אידישער אינטעליגענץ — דורך די דאָזיגע אינסטיטוציעס, דורכ'ן גרויסן חודש חודש־זשורנאַל „קאָמענטאַ־רי" און אַנדערע אויסגאַבן.

אויך דאָ טאָר מען ניט דעם ענין פאַראיינפאַכן. ספּעציעל ווען מען נעמט אין אַכט די פּאָזיטיווע ראָל פון דער אַמעריקן דזשואיש קאָמיטע אין דער שלום־פּראַגע, ווי מיר האָבן געזען, אין דער נעגער־פּראַגע און בכלל בנוגע ציווילע רעכט. אָבער באַשטימטע איינפלוסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע זייען זיך אפּנים דורך פונדעסטוועגן.

צווייטנס — אָדער ערשטנס — דער איינפלוס פון דער בן גוריון פּאָ־ליטיק אויף פיל אידישע פירער. מ'קאָן ניט זאָגן, אַז זיי זאָלן צו שטאַרק זיין באַגייסטערט פאַר בן גוריונ'ען בכלל. אין געוויסע פאַלן איז ער גראָד שאַרף קריטיקירט געוואָרן פון אידישע פירער אין אַמעריקע, פון געוויסע שרייבער אין ציוניסטישע צייטונגען אפילו. אַזוי איז געווען נאָכדעם ווי ער

האָט געהאַלטן זיין רעדע אין בראַנדייס אוניווערזיטעט, אין מערץ 1960, אין וועלכער ער האָט מבטל געווען אַלץ וואָס אידן האָבן געשאַפן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר. ער איז גאָר שאַרף קריטיקירט געוואָרן, ווען ער האָט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, אין דעצעמבער 1960, ציטירט אַ פּסוק, אַז אידן וואָס וואוינען אין „גלות" האָבן קיין גאָט ניט. דער פאַקט איז אָבער, אַז זיין באַגעגעניש מיט אַדענאַוער׳ן אין וואַלדאָרף־אַסטאָריא האָטעל, אין ניו יאָרק, דעם 14טן מערץ 1960, האָט קיין קריטיק, מיט געציילטע אויסנאַמען, ניט אַרויסגערופן אין דער אידיש־בירגערלעכער פּרעסע, אויף אידיש און ענגליש, אָדער מצד די אָפיציעלע אידישע פירער. דאָ, אין דער באַגעגעניש, איז זיך די בן גוריון ליניע, ווי כמעט אַלע מאָל, צונויפגעפאַלן מיט דער ליניע פון סטעיט־דעפּאַרטמענט און פיל אָפיציעלע אידישע פירער האָבן געהאַט אַ טאָפּלטע סיבה פאַר זייער שווייגן...

ס׳איז דאָ אַן איינשטעלונג ביי געוויסע פירער און צייטונגען, אַז קריטיק געגן דער בן גוריון פּאָליטיק קאָן שעדיגן ישראל. דאָס איז אַ פאַלשע און שעדלעכע איינשטעלונג. די בן גוריון־אַדענאַוער באַגעגעניש, למשל, האָט דאָך אויפגעריסן די אייגן פון דער ברייטער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט, וועלט־עפנטלעכקייט. קריטיק געגן בן גוריון׳ען וואָלט דאָ געקאָנט האָבן אַ גרויסן פּאָזיטיוון ווערט פאַר ישראל גופא, דורך אָנווייזן, אַז דאָס איז ניט אין די אינטערעסן פון ישראל און אַז דאָס פאָלק דאָרטן איז געגן פריינטשאַפט מיט אַדענאַוער־גלאָבקע.

די אַנטי־סאָוועטישע היסטעריע

צוליב דער טאָפּלטער סיבה — נאָכגיין דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און נאָכגיין בן גוריון׳ען — האָט זיך דער אַנטי־סאָוועטיזם ברייט צעלייגט אין ער בירגערלעכער אידישער פּרעסע, אויף אידיש און ענגליש. אַ שטודיע ין דער אַנטי־סאָוועטישער קאַמפּאַניע וועט באַווייזן, אַז די דאָזיגע פּרעסע שטייגט דאָ לײדער ווייט אַריבער די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער פּרעסע. דאָס מוז מען זאָגן מיט ווייטאָג, ספּעציעל ווען עס איז קלאָר, אַז דער אַנטי־סאָוועטיזם איז איינס פון די גיפטיגסטע מיטלען פון דער קאַלטער מלחמה, פון די בוירטשערס, פון די נאַצים.

דער געשריי „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם" איז ממש מאָנסטערהאַפט ווען מען נעמט אין אַכט, אַז גלאָבקע׳ן שלינגט מען אַראָפּ. אין אַ באַשטימטן זין איז דער געשריי געצילט צו דעקן גלאָבקע׳ן און פאַרשטעלן דעם נאַציזם־אַנטיסעמיטיזם פון מערב־דייטשלאַנד.

יעדערער וואָס קוקט זיך ערנסט צו צום סאָוועטישן לעבן, ספּעציעל צו די אַנטוויקלונגען די לעצטע יאָרן, יעדערער, וואָס נעמט אין אַכט די פאַקטן, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" ברענגט טאָג נאָך טאָג, מוז מיט פאַראַכטונג אָפּוואַרפן דעם בלבול.

ערשט די טעג איז באַריכטעט געוואָרן וועגן אַ ווייטערדיגן וואוקס אין דער צאָל סאָוועטיש־אידישע וויסנשאַפטלייט — 33,500. דאָס זאָגט אונז

אויך, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע אידישע סטודענטשאַפט, וואָס גיט אַרויס אַזעלכע וויסנשאַפטליית. מ'האָט גערעדט וועגן דיסקרימינאַציעס געגן אידן, אין די לעצטע יאָר פון סטאַלין־רעזשים, אין דיפּלאָמאַטן־דינסט, אין דער אַרמיי. אַז עס זיינען געווען דיסקרימינאַציעס און פאַרברעכנס געגן אידן — ניט בלויז געגן אידן, אָבער אין גאָר אַ גרויסער מאָס געגן אידן — איז קלאָר. אָבער אָט זעען מיר אָנהויבן אין דיפּלאָמאַטן־דינסט, געגויער — אין דער סאָוועטישער דעלעגאַציע אין דער יונאַיטעד נעישאָנס. און אָט האָט ניט לאַנג צוריק גענעראַל דוד דראַגונסקי דערציילט וועגן העכער הונדערט אידישע גענעראַלן אין דער סאָוועטישער אַרמיי. איר האָט געוויס געזען אין דער „מאָרגן־פרייהייט" (יאַנואַר 23) דאָס בילד פון פּרעמיער כרושטשאָוו'ן מיט גענעראַל דראַגונסקי'ן, וועלכער איז דער הויפּט פון די סאָוועטישע מיליטערישע קרעפטן אין די דרום־געגנטן פון לאַנד, איז אַ דעפּוטאַט פון אַרמעניע אין העכסטן סאָוועט. גענעראַל יעקב קרייזער איז דער הויפּט פון די סאָוועטישע מיליטערישע קרעפטן אין וויטן מזרח און איז אויפן 22טן קאָנגרעס אויסגעקליבן געוואָרן אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז דערוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט דער מיניסטער בנימין דימשיץ. פריערדיגע דיסקרימינאַציעס ווערן באַזייטיגט, פאַרריכט. אַזוי אין גאָר אַ גרויסער מאָס אויפן געביט פון דער אידישער קולטור, ווי מיר וועלן שפּעטער זען. אָבער, רעדנדיג וועגן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, מוז מען אויך אײנזינען האָבן די זייער גרויסע צאָל אידישע ביכער אויף רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, איבערגעזעצט דורך צענדליגער רוסישע און אַנדערע שרייבער און דיכטער, אין די מיליאָנען עקזעמפּליאַרן, וואָס די רעגירונג־פאַרלאַגן גיבן אַרויס און וואָס באַקענען די ברייטע באַפעלקערונג מיטן אידישן לעבן, מיט די ליידן און פריידן פון אידישן פאָלק.

ווען מ'שרייט „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם", באַדייט עס — רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז אַ בלוט־בלבול, — וואָס באַדעקט מיט שאַנד די פירער און צייטונגען, וואָס פאַבריצירן אים, אָדער באַנוצן זיך מיט אים. און עס איז אַ קנאַפּער כבוד פאַר די אידישע מאַסן צו האָבן אַזעלכע פירער און צייטונגען. דאָס ברענגט זיי נאָר שאָדן, ווי מיר וועלן זען. אָפּוואַרפנדיג דעם בלוט־בלבול וועגן רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם, הייסט עס בשום אופן ניט, אַז אַלע פּראָבלעמען בנוגע אַנטיסעמיטיזם, צווישן דעם פאָלק, זיינען שוין געלייזט. די סאָוועטישע פּרעסע באַריכטעט פון צייט צו צייט וועגן קרימינעלע פאַלן — שווינדלערייען, ספּעקולאַציעס, אָנפאַלן — און אַנטיסעמיטן זיינען קרימינאַלן און זייען פונקט אַזוי נאָך דאָ. עס זיינען געוויס נאָך דאָ די רעשטלעך פון פאַרגאַנגענע צייטן, פון דער נאַציאָקופּאַציע, פון דעם בעריאַ־סטאַלין פּעריאָד. וויכטיג איז וואָס רעגירונגס־פירער, אָנהויבנדיג מיט פּרעמיער כרושטשאָוו'ן, ווייזן אָן — אין פאַרבינדונג מיט דער סוואַסטיקאַ־מגפה, למשל — אויף דעם קאַמף פון לענינ'ען געגן אַנטיסעמיטיזם. וויכטיג איז, וואָס אין דער פּראָגראַם, וועלכע איז אָנגענומען געוואָרן אויפן 22טן קאָנגרעס, רעדט זיך וועגן קאַמף געגן

אנטיסעמיטיזם, ווי געגן אַ מיטל פונם פאַשיזם. דאָס איז זייער אַ באַ־דייטנדיקע אַנטוויקלונג פון דער לעצטער צייט, פונקט ווי די פּראָגראַם גופא איז, ווי באַקאַנט, אַ גרויסע אַנטוויקלונג, ווי די ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער פּראָגראַם אין דער „ניו יאָרק טאַימס" פון 1טן אויגוסט 1961 האָט באַוויזן. און ס'איז געווים דערלויבט צו זאָגן, אַז דער אַרויסטריט פון דעם דיכטער יעווגעני יעווטושענקאָ מיט זיין פּאָעמע „באַבי יאַר", וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם איבער דער וועלט, איז אַן אויסדרוק פון דעם דאָזיגן קאַמף. נאָכאַמאָל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז דאָס האָט אַ סאָוועטישער דיכטער גערופן עס זאָל קומען דער מאָמענט ווען דער לעצטער אַנטי־סעמיט וועט פאַרשווינדן און אַז דאָס האָט דער וויכטיגסטער סאָוועטישער ליטעראַרישער אָרגאַן, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", די פּאָעמע אָפּגעדרוקט.

די אַנטי־סאָוועטישע קאַמפּאַניע, ווי מיר האָבן שוין פריער אונטער־געשטראָכן, איז אַ מיטל פון דער קאַלטער מלחמה. דערפאַר איז זי טאָפּלט און צענפאַך שעדלעך און שענדלעך. די אינטערעסן פון אַמעריקע און פון אידישן פאָלק פאָדערן אַז די קאַמפּאַניע זאָל באַקעמפט ווערן! מ'קאָן ניט רעדן וועגן זיכערן דעם שלום אַזוי לאַנג ווי די העצעס קומען פאָר! מ'קאָן ניט באַקעמפן דעם „בוירטשיזם", ניט אַרויסשלאָגנדיג פון זייערע הענט דעם אינסטרומענט זייערן — אַנטי־סאָוועטיזם.

מ'טאָר ניט פאַרזען דעם ספּעציעלן „בייטראָג" פונם בן גוריוניזם אין דער אַנטי־סאָוועטישער העצע. דער אומאויפהערלעכער געשריי פון בן גור־יונ'ען און אַנדערע שאָוויניסטן, אַז די סאָוועטישע אידן דאַרפן אויסוואַנ־דערן, מוז נאַטירלעכערווייז באַגלייט ווערן מיט העצעס וועגן אַנטיסעמיטיזם, רעגירונגס־אַנטיסעמיטיזם. און ווער קאָן, אגב, גאַראַנטירן, אַז בן גוריון, דער „העלד" פון דעם, וואָס ווערט אין ישראל אָנגערופן: „שענדלעכער עסק", די לבון־אַפערע, בלייבט בלויז ביים זאָגן? די קאַמפּאַניע וועגן „אַרויסנעמען" די סאָוועטישע אידן איז געפערלעך פון פיל שטאַנדפּונקטן און מוז פירן צו ניט־געוואונטשענע אַנטוויקלונגען. און ניט פיל ווייניגער שעדלעך און געפערלעך איז דער ציוניסטישער לאָזונג פון „קיבוץ גלויות" אויך בנוגע אידן אין אַנדערע לענדער.

די ראָל פון ציוניזם

ווען מיר טרעטן צו צום ציוניזם, מוז מען זיין געוואָרנט, אַז אויך דאָ טאָר דער צוגאַנג ניט זיין קיין פאַראיינפאַכטער, צונויפמישנדיג אַלץ און אַלעמען. און עס האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן דעם, וואָס ס'איז דאָ אַן אונ־טערשייד צווישן נאָכפאָלגער און פירער, צווישן פירער און פירער, צווישן ריכטונג און ריכטונג. פיל מער דערפון! די איבערוועגנדיגע מערהייט ציוניסטיש־געשטימטע אידן, אָדער, לאָמיר זאָגן, די מייסטע מיטגלידער פון דער הדסה און אפילו טיילן פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע, באַטראַכטן זייער ציוניזם ווי אַן אויסדרוק פון זייערע סימפּאַטיעס פאַר ישראל און זייערע באַגערן ישראל צו העלפן — פאַר־

שטענדלעכע און בארעכטיגטע סימפּאַטיעס און באַגערן. מיט פּאָליטישן ציוניזם האָבן זיי אַ קנאַפּע שייכות. מיטן סטעיט־דעפּאַרטמענט גייען זיי זיך אָפּט פּאַנאַנדער. פיל פון זיי זיינען געגן דער קאַלטער מלחמה, אַנדערע באַטייליגן זיך אין דער באַוועגונג פאַר שלום. אַזוי אַז עס וועט זיין פאַלש צו מעסטן די ברייטע מאַסע ציוניסטישע נאָכפאָלגער און סימפּאַטיקער מיט דער מאָס, מיט וועלכער מ'דאַרף מעסטן די מייסטע ציוניסטישע פירער.

וואָס איז שייך ריכטונגען, דאַרף מען באַגרייפן, אַז אַזעלכע ריכטונגען ווי די פון השומר הצעיר — מאַפּאַם, אָדער „פּראָגרעסיוום פאַר איזראַעל", קאָנען ניט צונויפגעמישט ווערן מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, אָדער רעוויזיאָניסטן (חרות). איינס איז אָבער גילטיג בנוגע די אַלע ריכטונגען — אַז דאָס זיינען בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע ריכטונגען, וואָס לייקענען אָפּ אידיש לעבן דאָ אויפ'ן אָרט און אַז זיי האָבן, דעריבער טאַקע, ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער געשיכטע.

ס'איז גוט באַוואוסט, אַז זינט דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל געפינט זיך דער ציוניזם אין אַ קריזיס. אַז דער־אָ קריזיס פאַרשאַרפט זיך בסדר וועלן עדות זאָגן די פאָלגנדיגע שורות פון איינעם פון די ספּעציאַליסטן איבער ציוניזם־פראַגן אין „טאָג", מ. ריבלין, דעם 6טן סעפּטעמבער 1961. באַלד נאָך דעם דעמאָלטדיגן צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט ער געשריבן:

„קיינמאָל פריער, אין די יאָרן פון ציוניסטישער ירידה, האָט זיך ניט געפילט אויף אַ קאָנוועגשאָן אַזאַ פּעסימיזם צווישן די דעלעגאַטן, ווי דאָס מאָל. עס איז אַ פּעסימיזם, וואָס האָט דערפירט צו אַ געפיל פון הילפלאָזיגקייט, אויב ניט יאוש".

די ווערטער וועלן זיין גענוג. אָבער פון וואַנען נעמט זיך דער דאָזיגער פּערמאַנענטער — קאָן מען זאָגן — קריזיס?

דר. יאָאַכים פּרינץ וועגן ציוניזם און הערצליזם

מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנהייט אָנצואווייזן, אַז איינע פון די כיבות פונם קריזיס אינם ציוניזם איז דער קאָנפליקט צווישן דעם לאָזונג „קיבוץ גלויות" און דער ווירקלעכקייט. אין משך פון 1961 זיינען פון די פאַראייניגטע שטאַטן און קאַנאַדע (צוזאַמען) אַריבערגעפאָרן קיין ישראל 1,375 פּערזאָן — אַנטקעגן די פיל טויזנטער, אפשר אַזוי הויך ווי צען טויזנט, וואָס זיינען אין דעם יאָר געקומען פון ישראל קיין קאַנאַדע און די פאַראייניגטע שטאַטן. די לאַנגיאָריגע איינשטעלונג פונם ציוניזם וועגן אַריבערפאָרן אינם „אייגענעם לאַנד" און אויף אַזאַ אופן לייזן אַלע פּראָבלעמען, האָט באַנקראָטירט. ס'ווערט אַלץ קלאָרער אויך פאַר די נאָכפאָלגער פונם ציוניזם, אַז די אידישע פּראָבלעמען דאַרפן געלייזט ווערן דאָ, אויפן אָרט. אויף וויפיל דער פּאָליטישער ציוניזם און די אָריענטאַציע רק אויף „דאָרטן" שטערט דער לייזונג פון די פּראָבלעמען, איז גערעכט געווען דער געוועזענער לאַנגיאָריגער ציוניסטישער פירער, דר. יאָאַכים פּרינץ, פּרעזידענט פון אַמע־

ריקאַנער אידישן קאָנגרעס, ווען ער האָט אין אָנהויב 1961 דערקלערט: „ציוניזם איז טויט", „די ציוניסטישע פּראָזעלאָגיע און איר אומרעאַליסטישע אידעאָלאָגיע קאָן מער נישט אַפּעלירן צו די יונגע מענער און פרויען פון דער היינטיקער צייט".

דר. פּרינץ האָט אויך געפּאָדערט אַ רעוויזיע פון דר. הערצל'ס איינשטעלונג — איינער פון די פונדאַמענטן פונם פּאָליטישן ציוניזם — אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביג און אַז נאָר דורך אויסוואַנדערונג קיין ישראל קאָן מען פון אַנטיסעמיטיזם פּטור ווערן. די אַנטוויקלונגען אין אַמעריקע, ווי מיר האָבן געזען, באַווייזן אַז די איינשטעלונג איז אַ פאַלשע — נישט געקוקט אויפן בושעווען פון די „בוירטשערס" און די ראַקוועלס. אין אַמעריקע, ווי אין אַנדערע לענדער, אָפּגערעדט שוין פון די סאָציאַליסטישע לענדער, מיט אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נאָך פאַראַן, מערקט זיך אַלץ אַ גרעסערע אינטעגראַציע פון אידן אינם אַלגעמיינעם לעבן, אין דער אַרבעטער באַוועגונג. די הערצל־איינשטעלונג פון „אייביגן אַנטיסעמיטיזם" איז פון אָנהויב אָן געווען פאַלש. ווען עס זאָל טאַקע אמת זיין, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביג, וואָלט אויך פאַר אַ אידיש לאַנד, איצט פאַר ישראל, קיין האָפענונג נישט געווען צו עקזיסטירן, — אין אַ וועלט פון פּערמאַנענטן אַנטיסעמיטיזם, אַזוי צו זאָגן.

מיר וועלן זיך שפּעטער אומקערן צו דער אַנטיסעמיטיזם־פראַגע, רעדנדיג וועגן אייכמאַן־משפּט. אָבער צוזאַמען מיט די מאָמענטן, וואָס באַווייזן ווי דער ציוניזם איז אין קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט, איז דאָ נאָך איינער, זייער אַ וויכטיגער.

שעדלעכע טעאָריעס וועגן רעוואָלוציע און דאָס אידישע פאָלק

אויפן דערמאָנטן צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין הארבסט 1961, האָט דער לאַנגיאָריגער פירער אירער, דר. עמנואל ניומאַן, אין זיין דערעפענונג־רעדע, דערמאָנט די איצטיגע צייט איבער דער וועלט, אַ צייט „ווען גאַנצע קאָנטינענטן זיינען אין יערונג און קאָנוואולסיע" און האָט אָנגעוויזן, אַז „אין פיל פעלן האָבן אַזעלכע סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפברויזן געהאַט אַ דערשיטערנדיגן עפעקט אויף די איינגעשטעלטע אידישע קהילות, ווערנדיג אַריינגעכאַפּט צווישן קעמפנדיגע קרעפטן". און דר. ניומאַן האָט דאָ באַמערקט, אַז דאָס איז נישט קיין נייעס אין דער אידישער געשיכטע און האָט זיך פאַררופן אויפן בוך פון דר. י. ל. טעלער: „סקעיפּגאָוט אָוו רעוואָלושאָן", שעיר לעזאזל פון רעוואָלוציע. רעוואָלוציע איז, הייסט עס, אַן אומגליק פאַרן אידישן פאָלק.

ווען מיר געדענקען אַפילו די ווערטער פון דעם מיטגליד פון דער קענעדי־אַדמיניסטראַציע, טשעסטער באָולס, וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָר אין וועלכן מיר לעבן, וואָלט זיך פון די רייד פון דר. ניומאַן באַקומען, אַז דער גאַנג פון דער געשיכטע איז נעגן דעם גורל פונם אידישן פאָלק. אָבער אַזאַ איינשטעלונג איז נישט נאָר לעבנס־געפערלעך פאַר'ן אידישן פאָלק, נאָר

פשוט א פארלוימדונג אויף אים! פון דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע, פון אלערליי רעוואלוציעס זינט דעמאלט — און פריער — וויסן מיר, אז אידן זיינען אין זייער מערהייט געווען אויף דער זייט פון רעוואלוציע! די געשיכטע האט צו דערציילן וועגן דורות **אידישע פרייהייט־קעמפער**, אין אלערליי ציימן און לענדער. און די געשיכטע ווייסט אויך צו דערציילן וועגן פרייהייט און רעכט, וואס די רעוואלוציעס האבן געגעבן **דעם אידישן פאלק** — פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע ביז דער פראנצויזישער, ביז דער אקטאבער־רעוואלוציע. די איינשטעלונג פון „סקעיפּגאוט או רעוואלושאן" איז סיי א פעלשונג פון געשיכטע, סיי א פארלוימדונג אויפן אידישן פאלק — ממש א טויט־אורטייל איבער אים!

אויב איינער פון די הויפּט־רעדנער פונם אמעריקאנער ציוניזם איז באמרואיגט פון דעם רעוואלוציאנערן אויפברויז אויף די קאנטינענטן פון אזיע, אפריקע און לאטיין־אמעריקע און קאן זיך פאררופן, ווי אומבאשטימט דאס איז ביי אים ניט ארויסגעקומען, אויף דער איינשטעלונג פון „סקעיפּגאוט" איז ווידעראמאל קלאר ווי מיר האלטן מיטן **פאליטישן ציוניזם**. און ס'איז ווידער קלאר, אז ער געפינט זיך אין א שארפן קאנפליקט מיט די סאמע לעבנס־אינטערעסן פון אידישן פאלק!

אמעריקאנער פרייהייט־טראדיציעס און די אידן

עס פארשטייט זיך, אז צווישן אידן, ווי צווישן אנדערע פעלקער, זיינען פאראן געוויסע שיכטן, וועמענס אינטערעסן עס שטימען ניט מיטן רעוואלוציאנערן אויפברויז פון די לענדער, וואס זיינען פריער געווען קאלאניעס פון אימפעריאליזם. בשעת דער אמעריקאנער רעוואלוציע האבן זיך מעגלעך געוויסע אידן געפונען אויף דער זייט פון די דעמאלטדיגע „לאיאליסטן" אין אמעריקע, וואס זיינען געווען קעגן דער רעוואלוציע, געטריי דער ענגלישער קאלאניאלער הערשאפט. באזונדער האבן זיך אזעלכע אידן אנגעזען בשעת דעם בירגער־קריג, שטעלנדיג זיך אויף דער זייט פון דרום. אבער די דיקסיקראטן פון דעם יודא בענדזשאמין טיפּ זיינען ניט געווען כאראקטעריסטיש פאר דער אידישער באפעלקערונג אין אמעריקע מיט הונדערט יאר צוריק און האבן ניט נאר ניט פארטראטן די אינטערעסן פון די אידישע מאסן, נאר האבן פארראטן די דאזיגע אינטערעסן! דאס זעלביגע דארף געזאגט ווערן וועגן די, וואס רוקן היינט ארויס די טעאריע, אז דער רעוואלוציאנערער אויפברויז פון די פעלקער איז אן אומגליק פארן אידישן פאלק.

די „מארגן־פרייהייט" ווארפט אפּ אנטשיידנדיג און מיט פאראכטונג די דאזיגע איינשטעלונג! זי האלט טייער דעם אנטייל פון אידן אין דער אמעריקאנער רעוואלוציע און זוכט צו האלטן לעבעדיג די טראדיציעס פון אידישע פרייהייט־קעמפער אין אלע ציימן. אין די איצטיגע פייערונגען פון הונדערט יאר זינט דעם בירגער־קריג זוכט זי ארויסצורוקן די ראל **פון אויגוסט באנדי, ערנעסטין ראוז, מיכאל הייל‌פערין, ראבאי דוד** איינהארן און די איבערוועגנדיגע מערהייט פון דער אידישער באפעלקער־

רונג, וואָס איז געווען אויף דער זייט פון לינקאָלנ'ען, אין קאַמף געגן נעגער־שקלאַפעריי.

די „מאָרגן־פרייהייט" שאַצט אָפּ דעם אויפברויז פון די פעלקער פון אזיע, אפריקע, לאַטיין־אַמעריקע ווי איינע פון די גרויסע פּאָזיטיווע, עפּאָכע־מאַכנדיגע אַנטוויקלונגען פון אונזער צייט! די „מאָרגן־פרייהייט" — איינציג און אַליין אין דער אַמעריקאַנער אידישער פרעסע — איז אויף דער זייט פון דער פאָלקס־רעוואָלוציע אין קובאַ!

די פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג

ליידער זעען מיר ווי די טעאָריעס פון פּאָליטישן ציוניזם, אויף וועלכע דר. עמנואל ניומאַן האָט זיך פאַררופן, קריגן זייער אויסדרוק אין דער פּראַקטיק — אין דער האַלטונג פון דער ישראל־דעלעגאַציע אין דער יונאַיטעד נעישאָנס, וועלכע האָט אין כמעט אַלע אָפּשטימונגען ביז איצט וועגן אזיע, אפריקע, לאַטיין־אַמעריקע, מיט זעלטענע אויסנאַמען, בנוגע אַנגאָלאַ און דרום־אַפריקע, פאַרנומען אַן אָרט אויף דער זייט פון קאָלאָניאַליזם און אימפּעריאַליזם. די „מאָרגן־פרייהייט" האָט כסדר פאַראורטיילט די דאָזיגע האַנדלונגען ווי שעדלעכע פאַר מדינת ישראל גופא און ווי אַזעלכע וואָס קאָנען נאָר ברענגען שאָדן די אידן אויסער ישראל, — ארום 85 פּראָצענט פון אידישן פאָלק. געוויס איז פאַלש, גרינטלעך פאַלש, דער טענה, אַז די ישראל־רעגירונג האָט דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק. זי האָט ניט אַזאַ רעכט! אָבער שונאים פון אידישן פאָלק קאָנען דעם טענה באַנוצן. און עס איז העכסט שעדלעך פאַר די אינטערעסן פון אידן אין אַמעריקע, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער, ווען עס זאָל זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז אידן זיינען געגן דער זעלבסטשטענדיגקייט פון אַלזשיר און אַנדערע לענדער אין אַפריקע, זיינען געגן די פאַרזוכן פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער פעלקער צו דערשלאָגן זיך אַ וועג צו אַ ניי לעבן. און געוויס איז קלאָר, אַז די אידן אין אַלזשיר ווערן געשטעלט אין געפאַר דורך דעם, וואָס די ישראל־דעלעגאַציע אין דער יו־ען שטימט אויף דער זייט פון פראַנקרייך אין דער אַלזשיר־פראַגע.

אין דער ישראל־פרעסע גופא ווערט אַלץ מער און מער קריטיקירט די פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג, ספּעציעל זינט דער אַזוי־גערופענער לבון־אַפערע, ווען די בן גוריון גרופּע איז געוואָרן באַזונדער דיסקרעדיטירט. אהער גייט אַריין די קריטיק פון דער בן גוריון רעגירונג פאַר דעם אופן ווי זי באַהאַנדלט די אַראַבישע מינדערהייט אין ישראל. דער אַרויסטריט פון פּראָפעסאָר מאַרטין בובער די לעצטע צייט איז נאָר געווען אַן אויסדרוק פון דער שטימונג אין ישראל בכלל, פון דער שטעלונג פון כמעט אַלע פּאַרטייען — פאַר אָפּשאַפן דעם מיליטערישן רעזשים בנוגע דער אַראַבישער מינדערהייט.

ס'איז קלאָר, אַז די קריטיק פון אַ מאַרטין בובער, פון דער ישראל־פרעסע, איז קריטיק לטובת דעם לאַנד. אָט דאָס איז דער כאַראַקטער פון

דער קריטיק פון דער „מאָרגן־פרייהייט" בנוגע דער ישראל רעגירונג — לטובת ישראל. אנדערש איז אָבער מיט דער אידישער פרעסע אין אמע־ריקע בכלל.

וואָס ווייסן אַמעריקאַנער אידן וועגן ישראל?

אפילו אזא צייטונג ווי די וועכנטלעכע „נעשאָנאַל דזשוּאיש פּאָוסט ענד אָפּיניאָן" פון אינדיאַנאַפּאָליס — אַ אידיש־ענגלישע קאָנסערוואַטיווע אויס־גאַבע פון אַ נאַציאָנאַלן פאַרנעם — האָט דעם 28טן יולי 1961 געשריבן, אַז לויט דעם ווי די היגע אידישע פּרעסע, אויף אידיש און ענגליש, שרייבט וועגן ישראל, קוקט אויס, אַז —

„ישראל האָט נאָר צוויי פּראָבלעמען: באַדראָענדיגע שכנים און אַ כראָ־נישן מאַנגל אין פאָנדן. כמעט גאָרניט ווערט געדרוקט וועגן דער ראַסן־פּראָבלעם, וואָס אַנטוויקלט זיך דאָרטן, די פּראָבלעם פון שטייגנדיגע פאַר־ברעכנס צווישן דער יוגנט, די פראַגע וועגן דער צוועקמעסיגקייט פון דער עקזיסטענץ פון אינסטיטוציעס וואָס האָבן איבערגעלעבט זייער ניצלעכקייט, דער וואַקסנדיגער ריס צווישן ישראל און דער דיאַספּאָרא, וואָל־פראַגן, דאָס אָפּפרעמדן זיך פון דער יוגנט פון רעליגיע, די אינערלעכע אַראַבישע פראַגע, דער שרעקלעכער וואוקס פונם יקרות, די נויטווענדיגקייט פון אַ וואָל־רע־פאָרם, די ירידה פון אידעאַליזם, די רעליגיע און מלוכה פראַגע און אַ באַרג אַנדערע פראַגן".

די מייסטע פראַגן, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „פּאָוסט ענד אָפּיניאָן" האָט דאָ אויסגערעכנט, זיינען באמת ברענענדיגע. ספּעציעל די פראַגע וועגן דעם ביטערן יקרות און דעם פאַלנדיגן לעבנס־סטאַנדאַרד פון די מאַסן — ביז צו אַן אַרבעט־לוין פון דורכשניטלעך 25 דאָלאַר אַ וואָך — בשעת די צאָל מיליאָנערן וואַקסט. און דאָס וואָס רעליגיע איז נישט אָפּגעטיילט פון דער מלוכה נאָר האָט מלוכה־מאַכט, איז אַן ערנסטע פראַגע. און אַזוי די אַראַבער־פראַגע, און דער ראַסיזם בנוגע אידן מיט אַ טונקעלער הויט.

דער דאָזיגער רעדאַקטאָר איז באַאומרואיגט צוליב דעם, וואָס, ווי ער זאָגט: „פיל אַמעריקאַנער פאָרן קיין ישראל דערוואַרטנדיג צו געפינען אַ גן עדן אויף דער ערד — און קומען צוריק אַנטוישטע". אונז אינטערעסירן דער עיקר די פאָלקס־מאַסן אין ישראל גופא. זייער קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, פאַר שלום, איז אונזער קאַמף!

פאַר שלום צווישן ישראל און אַראַבישע מלוכות

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט ביי פיל געלעגנהייטן אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: „ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן". דאָס איז קלאָר. ישראל איז געקומען צו פאַרבלייבן! איך גלויב אָבער, אַז דער לאָזונג אַליין איז ניט גענוג. עס דאַרף קלאָר זיין, אַז יענע רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין די אַראַבישע לענדער, וואָס רעדן וועגן אָפּווישן ישראל, ווילן ניט נאָר רוקן דעם זייגער פון דער געשיכטע אויף צוריק, נאָר שטעלן פאַר מיט זיך אַ געפאַר

פאַרן שלום פון דער וועלט, אָפּגערעדט שוין פון מיטל־מזרח! דאָס זעל־ביגע דאַרף אָבער אויך געזאָגט ווערן וועגן יענע „אַקטיוויסטישע" עלעמענטן אין ישראל — ווער זיי זאָלן ניט זיין. מיר ווייסן, אַז דער שאָוויניזם אין ישראל שאַפט אַ ריס אַפילו צווישן ישראל און די אידן אין אַנדערע לענדער — און וועגן דעם האָט דער רעדאַקטאָר פון „פּאָוסט ענד אָפּיניאָן" גערעדט. איז שוין קלאָר, אַז דער דאָזיגער שאָוויניזם שאַפט אַן אָפּגרונט צווישן ישראל און אירע שכנים. די באַהאַנדלונג פון דער אַראַבישער מינדערהייט אין ישראל איז איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר אַ ישראל־אַראַבישן שלום, — און פאַרבייגייענדיג מוז געזאָגט ווערן, אַז די באַהאַנדלונג קאָן געבן אַנטי־סעמיטן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער אַן אינסטרומענט געגן די אי־דישע מינדערהייטן אין די לענדער.

געוויס הענגט אָפּ די פראַגע פון ישראל־אַראַבישן שלום ניט נאָר פון ישראל. שאָוויניסטן און רעאַקציאָנערן צווישן די אַראַבער, באַזונדער צווישן די אַראַבישע הערשער, צווישן די געצייג פון די אויל־טראָסטן און אימפּע־ריאַליסטן, געצייג פון סטעיט־דעפּאַרטמענט, שטעלן פאַר מיט זיך זייער אַן ערנסטן נעגאַטיוון עלעמענט. זיי דאַרפן אַנטשיידנדיג באַקעמפט ווערן, ווי שונאים פון וועלט־שלום, ווי שוין פריער אָנגעוויזן. אָבער אויף וויפיל אַמע־ריקאַנער אידן האָבן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די ישראל־מאַסן, דאַרף צוזאַ־מען מיטן קאַמף געגן די אַראַבישע שאָוויניסטן־רעאַקציאָנערן, אָנגעוויזן ווערן וואָס ישראל דאַרף טאָן, וואָס פאַר אַן איניציאַטיוו זי דאַרף אַרויסווייזן, ווי זי דאַרף העלפן שאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר שלום — ניט בלויז מיט שיינע ווערטער, נאָר מיט מעשים — דורך אָפּשאַפן דיסקרימינאַציעס געגן דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און דורך גיין האַנט אין האַנט מיט די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע אויפן וועג פון זייער באַפרייאונג.

סאָלידאַריטעט־אַקציעס פאַר ישראל

שלום איז די גרונט־פראַגע פאַר ישראל. ישראל וועט קאָנען עק־זיסטירן און אַנטוויקלען זיך אין אַ וועלט פון שלום. ווער עס קעמפט ניט פאַר שלום קעמפט ניט, פּאַקטיש, פאַר דער זיכערקייט פון ישראל. פיל פּראָ־בלעמען פון ישראל דרינגען אַרויס פון דער קאַלטער מלחמה. אַ סוף פון דער קאַלטער מלחמה, שלום צווישן די גרויסע מלוכות, וועט העלפן באַזיי־טיגן די פּראָבלעמען. ווען דער פאָרשלאָג וואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט געמאַכט נאָך אין 1957, אַז קיין שום מלוכה אין מיטל־מזרח זאָל קיין געווער ניט קריגן פון קיינעם, זאָל אָנגענומען ווערן — און זאָל געשטיצט ווערן אויך פון ישראל — וואָלט עס אַ סך געהאָלפן. אָבער דאָ שווימט אַרויף די פראַגע וועגן עקספּאָרט פון ישראל־געווער צום אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים, צו דער אַרמיי וואָס ווערט אָנגעפירט פון היטלער־גענעראַלן. אָפּ־גערעדט שוין פון מאָראַלן שטאַנדפּונקט, האָט עס געמוזט אַרויסרופן שטוי־נען ביי פיל פעלקער און פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן ישראל און די סאָציאַליסטישע און אַנדערע מלוכות, וועלכע באַטראַכטן, מיט רעכט, דאָס

באוואָפּענען מערב־דייטשלאַנד ווי אַ גרויסע געפאַר, — אַ געפאַר פאַר אַלע פעלקער און אויך פאַר אידישן פאָלק.
צוליב אונזער טיפן אינטערעס אינם גורל פון ישראל, פון די ישראל־מאַסן, שטיצן מיר די אַקציעס, וואָס האָבן צוטאָן מיט אַן אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט צו זיי, ווי די קאַמפּאַניע פון די קלובן און סאָסאַיעטיס און דער עמאַ לאַזאַרוס פעדעראַציע פאַר די קינדערהיימען פון די אָרעמע שיכטן אין ישראל; ווי די ברייינין־קליניק אַקציע לטובת די אָרעמע שיכטן פון אידן און אַראַבער, ווי אַנדערע סאָלידאַריטעט אַקציעס — פאַר יד חנה און אַזוי ווייטער. אונזער גרונט־איינשטעלונג, ווי מיר האָבן געזען, איז אויף דאָ־איגקייט, אָבער די סאָלידאַריטעט־אַקציעס זיינען נויטיג און אין די ראַמען פון מעגלעכקייטן האָבן זיי אַן אָרט און פאַרמאָגן אַ וויכטיגע באַדייטונג.

ישראל־מאַטעריאַלן אין דער „מאָרגן־פרייהייט"

פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" גיט זיך אָפּ צופיל מיט ישראל־ענינים. איך גלויב אַז אַזאַ שטעלונג איז ניט קיין ריכ־טיגע. חוץ דעם וואָס אונזער באַלייכטונג פון דער ישראל־פראַגע איז וויכ־טיג אין קאַמף פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון ישראל־פאָלק — און דאָס איז דער עיקר — האַלט איך, אַז די וואָס האָבן די דאָזיגע שטעלונג, פאַרזעען דעם פאָלגנדיגן זייער וויכטיגן פאַקט: דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע, ווי די אידישע פרעסע בכלל, איז סופּער־קאָנצענטרירט אויף ישראל. דאָס איז טאַקע שעדלעך, ווי שוין אָנגעוויזן פריער, ס'איז אַ שטערונג צום בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן. אָבער די דאָזיגע סופּער־קאָנצענטראַציע פאַרמאָגט געוויסע צילן. אַלץ איינס צי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ באַוואוסטזיניגן מעטאָד פון אָפּרייסן די היגע אידישע מאַסן פון זייערע אויפגאַבן אין אַמע־ריקע, צי ניט, דינט עס אָבער פּאַקטיש דעם צוועק. עס ווערן געשאַפן פאַלשע אילוזיעס צווישן די אידישע מאַסן, עס ווערט געזייט שאָוויניזם, עס ווערט גע׳כשר׳ט דער אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים, עס ווערט געשטערט דער קאַמף געגן די הויזינגערס. עס דאַרפן דעריבער, אין די אינטערעסן פון בויען דאָ אַ געזונט אידיש לעבן, כסדר קריטיקירט ווערן די נעגאַטיווע מאָ־מענטן פון דער בן גוריון פּאָליטיק. עס דאַרפן אַרויסגערוקט ווערן די איג־טערעסן פונם ישראל־פאָלק, לויטן לאָזונג: די בן גוריון רעגירונג איז איין זאַך און דאָס פאָלק איז גאָר עפּעס אַנדערש. עס דאַרף געגעבן ווערן דער אמת וועגן דעם לעבן פון די ישראל־מאַסן. זייערע פּראָבלעמען דאַרפן אָפּ־געשפּיגלט ווערן. און עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן אויף זייערע דערגרייכונ־גען אין פּרט פון שאַפן און בויען, אויף זייערע קאַמפן פאַר שלום, געגן נאַ־ציזם, געגן דעם מסחר מיטן אַדענאַוער־גלאָבקע רעזשים, פאַר אַ טויט־אור־טייל איבער אייכמאַנ׳ען.
אין דעם ענין אייכמאַן האָבן די ישראל־מאַסן געשפּילט גאָר אַ באַ־דייטנדיגע ראָל. זייער קאַמף, דער קאַמף פון די קאַצעטלער, האָט באַוועגט די ישראל־רעגירונג צו ברענגען אייכמאַנ׳ען צום משפּט. דאָס איז געווען

א היסטאָרישער אויפטו מצד דעם פאָלק פון ישראל און דער רעגירונג צוזאַמען! ווען דער פאָרשטייער פון אַרגענטינע, א נאַצי, האָט געפאָדערט אין דער יו־ען, אַז ישראל זאָל אומקערן אייכמאַנ׳ען צוריק אין דער נעסט פון נאַצים און פאַשיסטן — קיין אַרגענטינע, האָבן די פאָרשטייער פון די פאָרגעשריטענע לענדער, פון די סאָציאַליסטישע מלוכות, געשטעלט זיך אין דער יו־ען אויף דער זייט פון ישו״אל.

דער אייכמאַן משפט

דער אייכמאַן־משפט איז געווען אַן אַקט פון היסטאָרישער באַדייטונג. אַ אידיש געריכט האָט גע׳משפט אַ מערדער פון אידישן פאָלק! די עדות אויף די זיצונגען פונם משפט האָבן פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר דער גאַנצער וועלט די בלוטיגע מגילה פונם אידישן אומקום אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם אומגעהויערן גיהינום, דעם מורא׳דיגן טאָל פון יסורים און פּיין, טרערן און בלוט. צוזאַמען מיט די לעבעדיגע עדות זיינען דערשינען פאַרן געריכט, אין די אויגן פון דער וועלט, זעקס מיליאָן עדות־מאַרטירער, זעקס מיליאָן פון אונזער פאָלק, צווישן זיי אַ מיליאָן קינדער!

געטריי צום אָנזאָג פון די אומגעקומענע, צו זייער מאַרטירערטום און העראָאיזם, זיינען צווישן די לעבעדיגע עדות געווען מענטשן פון אַלע ריכטונגען: ציוניסטן, קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, ניט־פּאַרטייאישע, רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע. דעם שטריך פון איינינקייט — אַ זעלטענער שטריך ליידער אינם איצטיגן מאָמענט — טאָר מען ניט פאַרזען. דורך די לעבעדיגע עדות איז אין אַ געוויסער, כאָטש באַגרעניצטער מאָס, אויך אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער אידישער העראָאיזם, אין די געטאָס, לאַגערן, צווישן די פּאַרטיזאַנען. אַ דערשיינונג פון גוואַלדיגן היסטאָרישן באַטייט איז דער אייכמאַן־משפט געווען!

און דאָך האָט דער משפט אַרויסגערופן אַ באַרעכטיגטע אומצופרידנקייט. כדי צו אילוסטרירן די אומצופרידנקייט, וועלן מיר דאָ דערמאָנען אַן אַרטיקל פון איינעם אין ישראל, וואָס פאַרנעמט זיך גראָד מיט קאַלטער מלחמה פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז — מ. צאַנין, רעדאַקטאָר פון דער תל־אביב׳ער צייטונג „לעצטע נייעס”, וועלכע איז אָפּגעקויפט געוואָרן פון דער מאַפּאַי. אַפילו ער ווייזט אָן אין אַן אַרטיקל אין יאַנואַר (1962) נומער פון דער „צוקונפט”, אַז אָנשטאָט אַ „היסטאָרישן משפט פון אידישן פאָלק איבער די דייטשן” איז גאָר פאָרגעקומען אַ קרימינעלער משפט געגן איין פּערזאָן, אייכמאַן. מען האָט „דעם פאַל אייכמאַן אַריינגעקוועטשט אין דעם סדום־בעטל פון דעם קאָנווענציאָנעלן שטראָף־קאָדעקס און פּראָצעדור”.

פאַרוואָס איז אַזוי געשען? איז עס טאַקע נאָר די שולד פון דער ישראל־פּראָקוראַטור, ווי עס באַקומט זיך ביי צאַנינ׳ען, אָדער ווי ער זאָגט: „קאַנצעלאַרישע יוריסטן” האָבן דעם אייכמאַן־משפט „אָפּגעהאַקט די היסטאָרישע פליגל”? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין געהעריגער פּאָליטישער צוגאַנג צו דער פראַגע.

מען דאַרף אינזינען האָבן, אַז אַרום דעם ענין אייכמאַן איז פאָרגעקומען אַ געראַנגל צווישן צוויי קרעפטן. פון איין זייט — די ישראל־מאַסן, די קאַצעטלער, די טוביה פרידמאַנס און אַנדערע, וואָס האָבן זיך געשטעלט ווי אַ לעבנס־ציל צו געפינען אייכמאַנ׳ען, ווי געהעריג באַשטראָפן אים. און — פון דער אַנדערער זייט — די פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג. ס׳איז פון אָנהויב אָן געשטאַנען די פראַגע, צי דער משפט זאָל זיין אַ ברייטער, זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן היטלעריזם, זאָל אַרויספירן די אַלע היטלערישע מערדער, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין אויסראָטן זעקס מיליאָן אידן און מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער, איינגעשלאָסן די גלאָבקעס און הויזינגערס, אָדער — עס זאָל זיין אַ שמאָלער פּראָצעס, „אַריינגעקוועטשט אין דעם סדום־בעטל פון דעם קאָנווענציאָנעלן שטראָף־קאָרעקס און פּראָצעדור", ווי צאַנין זאָגט, געגן איין־איינציגער פּערזאָן, אייכמאַן, אָפּהיטנדיג, אַז זיינע שותפים אין מאָרד זאָלן ניט דערמאָנט ווערן, זאָלן ניט גע׳משפט ווערן צוזאַמען מיט אים.

אַזוי האָט לײדער פּאַסירט. ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די פּאָליטיק פון דער בן גוריון רעגירונג בנוגע אַדענאַוער און גלאָבקע, בנוגע דער נאַטאָ, דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און זייערע הויזינגערס, שפּאַידעלס, פערטשעס.

די היסטאָרישע געלעגנהייט איז לײדער ניט אויסגענוצט געוואָרן אויף אַ געהעריגן אויפן. און עס איז אַ קנאַפּער וואונדער, וואָס צווישן אַנדערע פעלקער, ספּעציעל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און מזרח אייראָפּע בכלל, וואו דער נאַציזם האָט געמאַכט אַזאַ חורבן און וואו מ׳איז אַזוי סענסיטיוו צו דער געוואַלדיגער געפאַר, וואָס דער ווידערגעבורט פון דער מאַכט פון די גלאָבקעס און הויזינגערס שטעלט פאָר מיט זיך פאַרן שלום פון דער וועלט, איז מען געווען אומצופרידן מיטן אופן ווי דער אייכמאַן־משפט איז געפירט געוואָרן.

היסטאָרישע אַספּעקטן פון אַנטיסעמיטיזם

דער אייכמאַן־משפט האָט לײדער פאַרפעלט נאָך זייער אַ וויכטיגע זאַך. דאָ, ביי דעם משפט, איז נעוועזן די געלעגנהייט צו זעצן דעם אַנטיסעמיטיזם, אַזוי צו זאָגן, אויף דער באַשולדיגונג־באַנק; צו באַווייזן, אַז די גאַז־קאַמער איז געווען דער „לאָגישער" ענד־ציל פון דער דורות־לאַנגער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע. פון דעם געריכט־זאַל אין ירושלים האָט יעדער אַנטיסעמיט געדאַרפט אָנגעקלאָגט ווערן, ווי אַ פּאָטענציעלער שותף צו אייכמאַנ׳ען. און אַ שאַל־רוף האָט געדאַרפט אַרויסגעלאָזט ווערן געגן אַנטיסעמיטיזם, ווי געגן ראַסן־האַס בכלל!

אין דעם לאָנדאָנער „דזשואיש קוואָרטערלי" (נומער 8, זומער 1961) איז דערקלערט געוואָרן, אַז „דער נאַצישער אַנטיסעמיטיזם שטעלט פאָר מיט זיך דעם קלימאַקס פון קריסטלעכן אַנטיסעמיטיזם". און דער זשורנאַל דרוקט אַ ריי אַנאַליזן, וואָס ציען די פעדים אויף צוריק — פון די גאַז־קאַמערן צו די פיר „נאַספּעלס", די יסודות פון דער קריסטלעכער עוואַנגעליע,

וואו עס ווערט אַנטוויקלט דער בלבול, אַז אידן האָבן דערמאָרדעט קריסטוס׳ן; אַז „אידן זיינען ניט דאָס פאָלק פון גאָט, נאָר די האַרן פון סדום און עמורה". עס ווערט אָנגעוויזן אין דעם זשורנאַל, אַז היטלער האָט אויף די „גאַספּעלס" געבויט זיין בלוטיגע העצע אינם „מיין קאַמף" און אַז שטרייכער האָט זיין העצע געבויט דערויף.

איז אמת: טראַכט מען זיך אַריין טיפער אינם מערדערלעכן, באַרבאַרישן היטלעריזם, געגן וועלכן די קירך איז ניט אַרויס אין קאַמף און האָט גאָר אין אַ באַשטימטן זין באַגיטיגט, קאָן מען ניט פאַרפעלן צו אונטערשטרייכן די אַנטי־אידישע פּראָפּאַגאַנדע פון דער קריסטלעכער קירך אין משך פון דורות, — פּונקט ווי עס קאָן ניט פאַרקוקט ווערן די ראָל פון רעליגיע בכלל, אָדער געוויסע אַספּעקטן פון רעליגיע, פון יעדער רעליגיע, אין דער פראַגע פון פריינטשאַפט צווישן פעלקער און ראַסן.

געוויס, מען טאָר ניט פאַרזען די ערנסטע שטרעמונג צווישן פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע רעליגיעס — קריסטלעכע, אידישע און אַנדערע — צו באַזייטיגן יענע שטריכן און אויסדרוקן, אָדער „לערעס", וואָס זייען שנאה צווישן פעלקער און ראַסן. מיר זעען, פאַרקערט, רעליגיעזע פאָרשטייער אין קאַמף פאַר ראַסן־גלייכהייט און פעלקער־פריינטשאַפט. אָבער מען טאָר ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם, וואָס איז נאָך פאַרשריבן שוואַרץ אויף ווייס אין רעליגיע־ביכער, אויף שעדלעכע „לערעס", וואָס ווערן נאָך פאַרשפּרייט. און אַוודאי טאָר מען ניט פאַרזען די פינצטערע ירושה פון דורות, וואָס ווירקט נאָך און פאַרזען דעם איצטיגן אָבסקוראַנטיזם און — ווידעראַמאָל — די ראָל פון דער אָפיציעלער קירך אין די לענדער, וואו די היטלער־שחיטות זיינען פאָרגעקומען. און דאָס — ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָ און דאָרטן האָבן גייסטלעכע, יחידים, אָדער בכלל רעליגיעזע פּערזאָנען, אַרויסגעוויזן מענטשלעכע געפילן צו אידן, צו אידישע קינדער, אין געוויסע פאַלן אַפילו איינגעשטעלט דאָס לעבן.

דער דערמאָנטער זשורנאַל „דזשואיש קוואָטערלי", ברענגט ממש שוידערלעכע אויסצוגן פון לוטער׳ס אַזוי־גערופענער לערע, אין זיין צווייטן פּעריאָד, וואָס קלינגט ווי דאָס רעווען פון היטלער׳ן און שטרייכער׳ן. „פאַרברענן זייערע סינאַגאָגעס"... „שפּייז און געצעלט זאָל זיי ניט געגעבן ווערן". אידן זאָלן ניט טאָרן גיין איבער „אונזערע" גאַסן, דאַרפן איינגעשפּאַנט ווערן אין שווערער אַרבעט, דאַרפן באַרויבט ווערן פון זייער אייגנטום. די דאָזיגע אָנזאָגן פון לוטער׳ן זיינען פּאַקטיש פאָרמולירט געוואָרן דורך גלאָבקע׳ן אין די נירענבערגער געזעצן.

עס איז אָבער, פאַרשטייט זיך, אַן ערנסטער טעות צו זוכן די סיבות פון היטלערישן באַרבאַריזם בלויז אין דער קריסטלעכער קירך, ווי דאָס טוט דער זשורנאַל, ווי דאָס טוען אַנדערע. פיל ערנסטער, באַרבאַרישער און אַנטשיידנדיגער איז געווען די ראָל פון דייטשן גרויס־קאַפּיטאַל, פון די קרופּס און טהיסענס און די אַלע, וואָס האָבן געבראַכט היטלער׳ן צו דער מאַכט און געגעבן אים די מיטלען פאַר זיין באַרבאַרישער ליניע, פאַר זיינע

שחיטות — ביז צושטעלן דעם גאז פאר די גאז־קאמערן, די אויוונס פאר די קרעמאטאריעס. מען טאר ניט פארזען די קלאסן־כחות, אין דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט, די כחות, וועלכע דארפן דעם אנטיסעמיטיזם, ווי זיי דארפן ראסן־האס בכלל, אויך געגן קריסטן, באזונדער געגן די וואס האבן א טונקעלע הויט, צוליב צילן פון אונטערדריקונג און עקספּלואטאציע, פון צעטייל און הערש.

אפשר וואלט געווען צופיל צו פארלאנגען, אז דער אייכמאן־משפט זאל אזוי ברייט געווען גיין אין זיין היסטארישן אנאליז פונם אנטיסעמיטיזם. אבער עס איז פּאַקטיש קיין שום אנאליז ניט געמאכט געווארן. די ריכטער האבן אפן געזאגט אין זייער אנטשיידונג, אז ניט דאס איז זייער אויפגאבע.

אין דעם באשולדיגונג־אקט געגן אייכמאנ׳ען, פון פופצן פונקטן, האבן פיגורירט דריי פונקטן וועגן פארברעכנס געגן אנדערע פעלקער. אבער די פארברעכנס זיינען קוים ארויסגעבראכט געווארן. דאס האט ווידער פאר־שמעלערט דעם משפט און ווידער ארויסגערופן בארעכטיגטע אומצופרידנ־קייט. דאס האט פּאַקטיש אפגעשוואכט דעם משפט. עס האט זיך ניט באקומען דאס גאנצע בילד — אז דער נאציזם האט אויך אנדערע, קריסט־לעכע פעלקער אפילו, ווי די סלאוון, באטראכט ווי „נידעריגע״, וואס דארפן פארשקלאפט און אפילו פארניכטעט ווערן. און ס׳איז דאך א פאקט, אז אין די אשווענטשימס זיינען פיל ניט־אידן אומגעבראכט געווארן.

פּראבלעמען פון אידישן פאלק

אויב עס איז אמת — און עס איז אמת — אז די יארן פון היטלעריזם און דער אומקום פון זעקס מיליאן אידן, האבן פארשארפט דעם נאציאנאלן מאמענט ביי פיל אידן און פאראינטערעסירט אין אידישע פראגן אויך אידן וואס זיינען געווען, טיילווייז אדער אינגאנצן, אפגעריסן פונם אידישן לעבן, קאן דאס זעלביגע אין א באדייטנדיגער מאס אויך געזאגט ווערן וועגן דעם עפעקט פונם אייכמאן־משפט. די אומבאשרייבלעכע ליידן פון מיליאנען אידן אין די געטאס און שחיטה־לאגערן זיינען אויפגעלעבט געווארן — דורך דעם משפט און דורך ביכער, פארשטעלונגען, פילמען, וואס זיינען געשאפן געווארן אונטערן איינפלוס פונם אייכמאן־משפט. דאס האט ווייטער פאר־שטארקט דאס אנגעהעריגקייט־געפיל ביי אידן, אנגעהעריגקייט צום אידישן פאלק.

ס׳איז פאראן א מיינונג, אז די איינציגע פארבינדונג צווישן אידן פון פארשיידענע לענדער איז דער אנטיסעמיטיזם, — דער געמיינשאפטלעכער שונא פון אידן אומעטום. אויב עס וואלטן קיין אנדערע עלעמענטן פון פאר־בינדונג צווישן אידן פון פארשיידענע לענדער ניט געווען, וואלט מען גע־קאנט זאגן: אויף וויפיל אנטיסעמיטיזם איז נאך דא איז אזא פארבינדונג פאראן און אזוי לאנג ווי אנטיסעמיטיזם וועט זיין, וועט אזא פארבינדונג זיין. און ס׳איז קלאר, אז די פּאַקטישע לאגע מוז גענומען ווערן אין אכט — וואס פארא מיינונגען מ׳זאל ניט האבן וועגן אנדערע פארבינדונג־מא־מענטן צווישן אידן פון פארשיידענע לענדער.

די מאָמענטן זיינען אָבער פאַראַן. ווען מ׳וויל עס ניט זען, אָדער ווען מ׳וויל עס פאַרלייקענען, מוז מען קומען צו פאַלשע אויספירן — און מען שפּילט נאָר אריין אין די הענט פון די שאָוויניסטן, וועלכע נוצן אויס אויף זייער שטייגער דעם באַרעכטיגן אינטערעס פון אידן אין איין לאַנד צו אידן אין אַנדערע לענדער.

אַמעריקאַנער אידן זיינען מיט רעכט פאַראינטערעסירט אינם לעבן פון די פאָלקס־מאַסן אין ישראל, ווי מיר האָבן געזען, אין דעם לעבן פון אידן אין אַלערליי לענדער, איינגעשלאָסן, פאַרשטייט זיך, די סאָציאַליסטישע. מ׳קאָן אפשר זאָגן, אַז סאָציאַליסטיש געשטימטע אידן זיינען באַזונדער פאַראינטערעסירט אין די אידן אין סאָציאַליסטישע לענדער, כדי צו זען ווי די לענדער לייזן די אידישע פראַגע, ראָטן אויס אַנטיסעמיטיזם.

דער אינטערעס פון אידן אין איין לאַנד צו אידן אין אַנדערע לענדער האָט גאָרניט צוטאָן מיט דער שאָוויניסטישער איינשטעלונג פון אַ אידישער וועלט־נאַציע — אַ מין סופּער־נאַציע. אַזאַ איינשטעלונג איז פאַלש און שעדלעך! אַמעריקאַנער אידן זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, זיינען אַמעריקאַנער און האָבן ניט קיין טאָפּלטע נאַציע־אַנגעהעריגקייט. נאַציע איז פאַרבונדן מיט מלוכה, טעריטאָריע. אין דעם זין זיינען אידן אַ נאַציע נאָר אין ישראל, כאָטש דאָרט זיינען אַראַבער אויך אַ טייל פון דער ישראל־נאַציע. ניט וועגן „וועלט־נאַציע" האַנדלט זיך, נאָר וועגן דעם געמיינשאַפטלעכן פאָלקס־אינטערעס צווישן אידן, ווייל עס איז דאָ אַ אידיש פאָלק, וואָס כאָטש זיינע טיילן זיינען מלוכה׳ש אינטעגרירט אין פאַרשיידענע לענדער, האָבן זיי אָבער אַן אינטערעס איינער צום אַנדערן און אַ פאַרבינדונג צווישן זיך — און ניט נאָר צוליב דעם אַלגעמיינעם שונא — אַנטיסעמיטיזם. עס זיינען פאַראַן אויך אַנדערע פאַרבינדונג־מאָמענטן — מער וויכטיגע ווי אַנטיסעמיטיזם, אָדער ווייניגער וויכטיגע — און דאָס זיינען: געשיכטע פון אידישן פאָלק, קולטור, שפּראַך, טראַדיציע, און ביי געוויסע טיילן — רעליגיע. און פאַמיליען־פּעדים שפּילן אַ ראָל. געשיכטע פון פאָלק באַדייט — דער יחוס־בריוו, דער אָנהויב, דער נעכטן און אייערנעכטן; באַדייט — געמיינשאַפטלעכע ליידן אין משך פון דורות, מאַרטירערטום, באַדייט — די העראָאיק פון פאָלק. דער אייכמאַן־משפּט האָט די פאַרבינדונגען געשטאַרקט דורך אויפלעבן דעם מאַרטירערטום און די העראָאיק, ניט נאָר פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע און ניט נאָר פון די מיליאָנען געראַטעוועטע. אידן בכלל, אומעטום, זיינען אויף אַזאַ אָדער אַנדער שטייגער, אויך פון ווייטן, אין אַ געווויסן זין, געווען שותפים צו די ליידן, שותפים צו דער העראָאיק.

היינטיגן אַפּריל, ווי יעדן אַפּריל זינט 1943, וועט באַצייכנט ווערן אין פיל לענדער דער יאָרטאָג פונם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. עס וועלן געערט ווערן די העלדן און מאַרטירער און עס וועט אויפגעמישט ווערן די מגילה פון בלוט און טרערן — און די מעשים פון די אייכמאַנס, גלאָבקעס און הויזינגערס. מ׳קאָן פאָראויסזאָגן גאָר גרויסע פייערונגען איבעראַל,

צום 20טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דאָ האָבן מיר ווידער די געמיינשאַפטלעכקייט פון אַ פאָלק, אין פאַרשיידענע לענדער.

מיר האָבן פריער געזען ווי אידן אין אַ ריי לענדער זיינען פאַראייניגט אַרויסגעטראָטן אין קאַמף געגן דער סוואַסטיקאַ־מגפה אין אָנהויב 1960. ־ין זאָל ווידער פאַרצייכנט ווערן די אידישע וועלט־קאָנפערענץ געגן דער באַוואָפענונג פון מערב־דייטשלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז אין 1955.

די לעצטע צייט מערקט זיך אַ נעענטערע פאַרבינדונג צווישן פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־טוער און שאַפער אין פאַרשיידענע לענדער, אַן אויסטויש צווישן זיי — און אַ באַגער צו באַגעגענען זיך אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם.

נעמט מען דאָס אַלץ אין אַכט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז ניט אַלע אַמאָליגע פאָרמולירונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָבן זיך באַרעכטיגט אין דער ווירקלעכקייט, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה און באַזונדער בשעת און זינט דער מלחמה. אויב די פאַקטן פון לעבן שטימען ניט מיט אַ באַשטימטער טעאָריע איז קלאָר, אַז די טעאָריע איז ניט קיין ריכטיגע.

פאַקטן זיינען עקשנים, זאָגט אַ ריכטיגער פּסוק. מ׳מוז זיך מיט זיי רעכענען, אויב מ׳וויל פאַרמיידן אויספירן, וואָס קאָנען נאָר ברענגען שאָדן.

וועגן אַסימילאַציע

מיר זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער שול פון אַלגינ׳ען, די שול פון אינטערנאַציאָנאַליזם, די שול פון קאַמף געגן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. דאָס איז אין דער זעלביגער צייט די שול, וואָס שטרייכט אונטער, אַז נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם איז איין זאַך און נאַציאָנאַלע אינטערעסן — גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז די שול, וואָס זאָגט, אַז דער אַרבעטער איז דער בעסטער קעמפער פאַר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פאָלק און אַז אמת׳ער אינטערנאַציאָנאַליזם איז בשום אופן ניט סותר נאַציאָנאַלע אינטערעסן. פאַרקערט: ער שאַפט דעם געזונטן פונדאַמענט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די פעלקער. לאָמיר זיך ווידער דערמאָנען אָן געאָרג דימיטראָוו׳ן, ווי אַזוי — און ווי גוט — ער האָט די פראַגע אַוועקגעשטעלט.

אַ ריכטיגער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע פאָדערט, דאַכט זיך, מ׳זאָל זיך עטוואָס אָפּשטעלן אויפן ענין אַסימילאַציע. עס איז פאַראַן ביי געוויסע מענטשן אַ טעאָריע אַזאַ, אַז אַסימילאַציע איז פּראָגרעס. פרעגט זיך אַ פראַגע: אויב דאָס פאָלק בלייבט, אויב עס בלייבן די אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע מאָמענטן, וואָס צעמענטירן דאָס פאָלק פאַר ווייטערדיגן קיום, טאָ וואָס קאָן באַדייטן די אַסימילאַציע פון געוויסע יחידים? קאָן דאָס ניט באַדייטן, באַדייט עס ניט — פּאַקטיש, צי מ׳וויל צי ניט — אַוועקגיין פון קאַמף, לאָזן דאָס פאָלק אונטער אַ שאָוויניסטישער פירערשאַפט?

ווייטער: אויב מען נעמט אָן, אַז אַסימילאַציע איז פּראָגרעס, שאַפט זיך ניט דעמאָלט די געפאַר, אַז מען זאָל זי אונטערשטיפּן, כלומר'שט אין נאָמען פון פּראָגרעס? דאָ גייען מיר שוין אַריין אין די גרעניצן פון געצוואונגענער אַסימילאַציע, וואָס אויך די מערסטע אָנהענגער פון דער טעאָריע זיינען געגן דעם. אָבער דאָ שווימען אויף אַנדערע פראַגן. וואָס איז אַזוינס „פרייוויליגע אַסימילאַציע" — ווען עס איז נאָך פאַראַן דער דרוק פון אַנטיסעמיטיזם, ווען עס איז פאַראַן, אין אַמעריקע, למשל, דער דרוק פון אַנגלאָ־זאַקסישער איבער־הערשאַפט, ווען די אידישע מינדערהייט קריגט ניט די מעגלעכקייט, אויף אַ מלוכה'שן שטייגער, צו אַנטוויקלען איר קולטור, צו האָבן קינדער־שולן, פאַרלאַגן, צייטונגען, טעאַטערס און אַזוי ווייטער? דער טערמין „פרייוויליגע אַסימילאַציע" איז דאָ אַ צווייפלהאַפטער.

געוויס זיינען פאַראַן יחידים, וואָס אַסימילירן זיך. עס זיינען פאַראַן אינטעלעקטואַלן, אַרבעטער־טוער, וואָס זיינען אָפּגעריסן פונם אידישן לעבן. אַז דאָס איז אַ פאַרלוסט פאַרן פאָלק האָבן מיר אָנגעוויזן. אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קליינער, זייער קליינער מינדערהייט. וואָס איז שייך דעם פאָלק מוז מען אינזינען האָבן די באַציאונג פון די פאָלקס־מאַסן, אין משך פון דורות, צום ענין אַסימילאַציע.

אינ'ם אידישן לעבן איז אין משך פון דורות געווען און פאַרבליבן אַ ווידערווילן, אַ שנאה צו אַסימילאַציע, ווייל דאָס האָט באַדייט — דרוק, אונטערדריקונג, פאַרראַט פון נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן. בעת דעם נאַציאָנאַלן אידישן יום־טוב חנוכה, ווען עס ווערט געפייערט דער זיג פון די מאַקאַבייער איבער דער גריכיש־סירישער אינוואַ־זיע און אונטערדריקונג, אין קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיגקייט, ווערן מיט פאַראַכטונג דערמאָנט די העלעניסטן — די אַסימילאַטאָרן פון יענע צייטן — וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די אונטערדריקער. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט דער אַסימילאַטאָרן־שיכט פון די באַראָן גינצבורגס און אַנדערע גע־אַרבעט מיט דער צאַרישער מאַכט. אין אַמאָליגן פוילן האָבן די אַסימילאַ־טאָרישע „אידן פון משה רבינו'ס גלויבן" באַקעמפט די שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאַסן. אין אַמעריקע זיינען עס יאָרן לאַנג געווען די יאַהודים פון דער גרויס־בורזשואַזיע. די אַרבעטס־מענטשן, די האָרעפּאַשניקעס בכלל, דאָ און אויף יענער זייט ים, האָבן, קעמפנדיג געגן דעם רייכן שיכט, די אַסימילאַטאָרן, פאַרטיידיגט די פאָלקס־אינטערעסן, געשלאָגן זיך פאַר בע־סערע לעבנס־באַדינגונגען, אַנטוויקלט די פאָלקס־קולטור.

קאַאוטסקיס שעדלעכע טעאָריעס וועגן אידן

רעדנדיג וועגן פאַלשע טעאָריעס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועט ווערט זיין אָפּצושטעלן זיך אויף די טעאָריעס פון קאַרל קאַאוטסקי וועגן דער אידן־פראַגע. מ'דאַרף באַדויערן וואָס דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן לאַנג צוריק. קאַאוטסקי'ס טעאָריעס האָבן אָנגעטאָן גענוג שאָדן אין דער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג און טוען נאָך איצט מעגלעך אָן שאָדן.

איך האָב דאָ אײנזינען קאַאוטסקי'ס בוך: „ראַסע אונד יודענטום" (אין ענגליש: „אַר' דהי דזשוז עי רעים" — זײַנען די אידן אַ ראַסע). דאָס בוך איז דערשינען צוערשט אין 1914, אָבער קאַאוטסקי'ס טעאָריעס וועגן אידן האָבן שוין אַרומגעשוועבט לאַנג פֿריער — און שוועבן אַפֿנים אַרום עד היום.

עס וועט געגוג זײַן פֿאַר מיר צו ברענגען בלויז עטלעכע „פּערל" פֿון דעם בוך, מיר זאָלן זען ווי די טעאָריעס האָבן באַנקראָטירט אין אָנגעזיכט פֿון דער ווירקלעכקייט און ווי שעדלעך זיי זײַנען.

איך האָב פֿאַר זיך די ענגלישע אויסגאַבע, אַרויסגעגעבן פֿון „אינטער־נעשאָנאַל פּאַבלישערס" אין 1926. אויף זײַט 154 פֿאַררופֿט זיך קאַאוטסקי אויף אײנעם איגנאַץ צאָלשאַן, וועלכער האָט דערקלערט — געדענקט, נאָך מיט 50 יאָר צוריק! — אַז אין די פֿאַראײניגטע שטאַטן „יאָגט זיך מיט פֿולער קראַפֿט פּאָראויס דער פּראָצעס פֿון אויפֿלייזונג פֿונם אָרטיגן אידנ־טום". אויף זײַט 156: די „אידישע געפֿאַר", דאָס הייסט אידישע עקזיס־טענץ, קאָן קומען נאָר פֿון איין זײַט — „פֿון דער זײַט פֿון אַנטיסעמיטיזם". אויף זײַט 241: ווען די אימיגראַציע פֿון רוסלאַנד קיין אַמעריקע וועט אָפּ־געשטעלט ווערן און דער צווייטער און דריטער דור וועלן ניט קענען מער קיין אידיש, וועלן זיי מער ניט וואוינען צוזאַמען אויף איין אָרט, רעליגיע וועט אָפּגעשוואַכט ווערן און „אויף אַזאַ שטייגער וועט די לעצטע שטערונג פֿאַר זייער אַסימילירן זיך באַזײַטיגט ווערן". אויף זײַט 244: „דער אי־דישער עלנט קאָן פֿאַרשווינדן נאָר אונטער פּאָליטישע און סאָציאַלע באַ־דינגונגען אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע וועלן צווינגען די אידן אין יענע געגנטן צו באַנוצן די שפּראַך פֿון זייער סביבה, וואָס דאָס באַדײַט דער אָנהויב פֿון אַסימילאַציע". אויף זײַט 246: „מיר קאָנען ניט זאָגן, אַז מיר זײַנען אַרויס פֿונם מיטלאַלטער אַזוי לאַנג ווי יודאַאיזם עקזיסטירט נאָך צווישן אונז. וואָס גיכער דאָס וועט פֿאַרשווינדן, אַלץ בעסער וועט עס זײַן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט און פֿאַר אידן אַליין".

איך האָט דאָ געוויסע אונטער־טענער וואָס „שמעקן" מיט דער „ענט־גילטיגער לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע" — ניט געגוי ווי די אייכמאַנס האָבן זי דורכגעפֿירט, אָבער אַ געוויסע באַרעכטיגונג פֿאַר די אייכמאַנס ווערט דאָ געגעבן. און עס איז פּשוט איבעריג אַרײַנצוגיין אין אײנצלהייטן צו באַ־ווײַזן ווי זינלאָז עס איז די אײנשטעלונג, אַז דאָס אוועקגיין פֿון אידיש באַ־דײַט אַסימילאַציע, אָדער אַז דערמיט קאָן אָפּגעשאַפֿט ווערן אָרעמקייט.

פֿאַר יעדערן וואָס וויל וויסן דעם אמת, איז קלאָר, אַז דאָס אוועקגיין פֿון אידיש באַדײַט ניט אַסימילאַציע. אין דעם כמעט האַלב־מיליאָניקן בני ברית, אין דער הדסה פֿון 350 טויזנט מיטגלידער איז די שפּראַך ענגליש. ביי די ציוניסטן אין אַמעריקע איז די שפּראַך ענגליש. נאָכאַמאָל און ווי־דעראַמאָל: אינטעגראַציע, אויך אויפֿן געביט פֿון שפּראַך, איז ניט דאָס זעלביגע וואָס אַסימילאַציע. און וועגן דער קאָנצענטראַציע פֿון אידן אין די גרעסטע שטעט האָבן מיר שוין פֿריער גערעדט — און אַ קאָנצענטראַציע אויך אין באַשטימטע געגנטן, — אויב אַפֿילו די מערהייט אידן געפֿינט זיך שוין ניט אין די אַמאָליגע קוואַרטאַלן. וואָס איז שייך אידיש, וואָס קאַאוט־

סקי האָט פאָראויסגעזאָגט אזש אין 1914 און נאָך פריער, אַז די שפּראַך וועט פאַרשווינדן, זיינען מיר דאָ ווידער עדות ווי זינלאָז זיינע רייד זיינען. און כאָטש די איבערוועגנדיגע מערהייט אידן אין אַמעריקע רעדט ענגליש, זיינען אָבער נאָך היינט פאַראַן הונדערטער טויזנטער אידן אין אַמעריקע, וואָס זייער שפּראַך איז אידיש. אין אַן ערך אַ האַלב טוץ אוניווערזיטעטן זיינען די לעצטע יאָרן איינגעשטעלט געוואָרן קאַפּעדרעס פאַר אידיש. אין ניו יאָרק זיינען דאָ אידיש־קלובן ביי די האַי־סקולס און מ׳קאָן דערוואַרטן איינגיכן, אַז אין אַ ריי פון די מיטלשולן זאָל אידיש ווערן איינער פון די לימודים.

די קאַאוטסקי־טעאָריע וועגן אַסימילאַציע האָט מיאוס באַנקראָטירט. דאָס הייסט ניט, ווידעראַמאָל, אַז געוויסע אידן ווערן ניט אַסימילירט, מישן זיך ניט אויס מיט אַנדערע פעלקער. אָבער די דאָזיגע אויסנאַמען זיינען ניט מאָסגעבנדיג פאַרן אידישן פאָלק בכלל.

אידישע קולטור אויף אידיש און ענגליש

ס׳איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן, אַז גראָד צווישן די אידיש־רעדנדיגע — פיל מער, פּראָפּאָרציאָנעל, ווי צווישן ענגליש־רעדנדיגע, געפינען זיך עלעמענטן, וואָס פירן אַן אויסגעהאַלטענעם קאַמף געגן שאָוויניזם, פאַר אינטערנאַציאָנאַליזם, פאַר אַרבעטער־אינטערעסן. דאָס האָט צוטאָן מיט די טראַדיציעס וואָס די עלעמענטן האָבן גע׳ירשנ׳ט און האַלטן לעבעדיג: סאָציאַליסטישע טראַדיציעס. דאָס האָט אויך צוטאָן מיט דער קולטור אויף אידיש, וואָס זיי האַלטן טייער, די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור, וואָס איז אָנגעלאָדן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, מיט די אָנזאָגן פון די אידישע קלאַסיקער. די דאָזיגע אָנזאָגן זיינען ווייטער אַנטוויקלט געוואָרן און ווערן אַנטוויקלט פון די היינטצייטיגע פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־שאַפער און קולטור־בויער. די דאָזיגע שאַפער און בויער, זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן און ווערן באַאיינפלוסט פון דער אידישער קולטור אין די סאָציאַליסטישע לענדער — פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור אין דער ערשטער ריי.

מיר בויען אונזער פּראָגרעסיווע אידישע קולטור **אויף אידיש**. דאָס — אין דער **ערשטער** ריי. צוליב די נאָר־וואָס אָנגעוויזענע טעמים איז אידיש ניט **נאָר שפּראַך**, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך **אינהאַלט** — אויף וויפיל די אָנזאָגן פון די קלאַסיקער ווערן געהאַלטן לעבעדיג. אידיש איז אַלע מאָל פאַראַכט און פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער אידישער בורזשואזיע. די מאָדערנע אידישע קולטור איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט דער אידישער אַרבעטער־בירזשע און איז דאָ אין אַמעריקע געשטאַרקט געוואָרן אין קאַמף געגן שוויץ־שאַפּ. צוליב די סיבות איז די „מאָרגן־פרייהייט” ניט נאָר אַן אינסטרומענט אויף בויען די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, אַן אינסטרומענט פון קאַמף פונם פאָלק פאַר אַ בעסער לעבן, נאָר איז פאַר זיך אַליין אַ פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־ אינסטיטוציע פון פילפאַכן פאַרנעם. אין דער זעלביגער צייט אָבער שטרייכן מיר אונטער די נויטווענדיג־

קייט פון פּראָגרעסיוו־אידישער קולטור־אַרבעט אויף ענגליש, — אַ געביט, וואָס איז לײדער צו שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן.

ס׳איז געווען, קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אַ קורצזיכטיגקייט מצד געוויסע גערטריע „מאָרגן־פרייהייט" בויער, ווען זיי זיינען מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעטראָטן געגן די ענגלישע זייטן אינם סוף־וואָך נומער. מ׳דאַרף האָפן, אַז די דערפאַרונג פון די לעצטע פּאָר יאָר האָט זיי איבערצייגט ווי נויטיג די ענגלישע אָפּטיילונג איז. מ׳דאַרף זי מער אויסנוצן, מער פאַרשפּרייטן.

די פראַגע וועט באַהאַנדלט ווערן באַזונדער אין דער ענגלישער סעקציע, אָדער פּאַנעל, פונם צוזאַמענפאָר און ס׳וועלן מעגלעך געשאַפן ווערן געוויסע פּלענער וועגן דער דאָזיגער אָפּטיילונג. אָבער זאָגן דאַרף מען, אַזוי ערנסט ווי מעגלעך: אויב מיר ווילן ניט רעדן צו זיך אַליין, אויב מיר ווילן צוקומען מיט אונזער וואָרט, מיט אונזער באַלייכטונג פונם אידישן לעבן, פון דער ראָל פון ישראל, צו די גרויסע מאַסן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, מוזן מיר זיך מער אָפּגעבן מיט פאַרשפּרייטן די ענגלישע אָפּטיילונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט", מיט שטאַרקן און פאַרשפּרייטן דעם חודש־זשורנאַל „דזשואיש קאָרענטס", בכלל מיט בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור אויף ענגליש. לאָמיר געדענקען, אַז דער צד פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם האָט העכער הונדערט ענגליש־אידישע אויסגאַבן, פאַרמאָגט דיקע זשורנאַלן. עס ווערן אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן אַן ערך 200 ביכער אַ יאָר אויף ענגליש וועגן אידישע פראַגן, אָדער אויף אידישער טעמאַטיק. עס איז דאָ אַ ברייטער אינטערעס, אַ ברייטע אוידיטאָריע, — מיר מוזן קומען מיט אונזער וואָרט!

אידישע קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

זינט אונזער צוזאַמענפאָר מיט צוויי יאָר צוריק זיינען אויף דעם געביט פון דער אידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאָרגעקומען באַדייטנדיגע אַנטוויקלונגען. די וויכטיגסטע אַנטוויקלונג — דאָס דערשיינען פון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", פון וועלכן מיר האָבן שוין געקראָגן דריי נומערן. מיט גרוים פרייד האָבן די אידישע פאָלקס־מאַסן דאָ אין לאַנד דעם זשורנאַל באַגעגנט — און ניט נאָר די אידישע. די באַגרעניצטע צאָל פון אַן ערך טויזנט עקזעמפּליאַרן וואָס קומט אָן אַהער אין לאַנד, ווערט ממש צעכאַפּט.

די פרייד מיטן דערשיינען פון דעם זשורנאַל טראָגט אַ פּילפּאַכן כאַראַקטער. קודם איז דאָס דער פאַקט, וואָס דער סאָוועטיש־אידישער שרייבער, וועלכער איז אַן אייגענער ביי די פּראָגרעסיווע עלעמענטן דאָ אין לאַנד, האָט זיך ווידער דאָ באַוויזן. עס פרייט דער פאַקט, וואָס ניט געקוקט אויפן ביטערן חורבן, וואָס די אידישע קולטור האָט געליטן אין דער בעריאַ־סטאַלין צייט — אַ חורבן וואָס קאָן ניט פאַרגעסן ווערן! — ניט געקוקט אויפן אומקומען פון אַ ריי פון די בעסטע און שענסטע פון אונזער ליטעראַטור — אַן אבידה, וואָס איז ממש עד היום אַן אָפענע וואונד, — ניט געקוקט אויף דעם

אַלעם, אָדער אפשר טאַקע נעמענדיג דאָס אין אַכט, איז אַ פרייד צו זען, ווי עס לעבט און שאַפט אַ מחנה פון העכער הונדערט סאָוועטיש־אידישע שרייבער. עס האָט אַרויסגערופן און עס רופט אַרויס פרייד די קוואַליטעט פון זייער שאַפן, ממש מוסטער־קוואַליטעט, באַזונדער אויפן געביט פון פּראָזע און פּאָעזיע. דאָס וועט ווידער העלפן די שעפעריש־פּראָגרעסיווע כחות ביי אונז.

עס פרייט דער פאַקט, וואָס דאָס דערשיינען פונם זשורנאַל האָט, ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן אין פּראָגרעסיוו־אידישע קרייזן אין פראַנקרייך, גע־מאַכט אַ סוף צו דער דיסקוסיע צי מ'דאַרף אויסגאָבן אין דער אידישער שפּראַך. ס'איז אַ פראַגע, צי ס'האָט בכלל געדאַרפט זיין אַ דיסקוסיע. וואָס ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן אין די צייטן פונם אומגליקלעכן קולט האָט גע־דאַרפט — און דאַרף — אויפגעשטעלט ווערן, לויט דעם ווי ס'ווערט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָנגערופן: לענינשע נאָרמעס, די נאָרמעס פאַרן „קולט״. ס'איז אמת, אַז 1962 איז ניט 1948 און אוודאי ניט 1936. אויך ביי אונז האָט זיך אַ סך געביטן זינט 1936... אָבער די פאַרשפּרייטונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, אינם גרעסטן טיראַזש וואָס אַ אידישער זשורנאַל האָט ווען עס איז געהאַט, די פאַרשפּרייטונג פון די ביכער — אויף אידיש — פון די אי־דישע קלאַסיקער, פון דוד בערגעלסאָן און אשר שוואַרצמאַן, אויך אין די גרעסטע טיראַזשן, דער ממש פענאָמענאַלער באַזוך ביי די אידישע קאָנ־צערטן, באַווייזט ווי באַרעכטיגט עס זיינען געווען די וואָס האָבן זיך אָריענ־טירט אויף דער ווידעראויפשטעלונג פון דער סאָוועטיש־אידישער קולטור, אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען, — אויב אַ באַרעכטיגונג איז גאָר נויטיג, ווען עס האַנדלט זיך וועגן „לענינשע נאָרמעס״.

ניט אָפּטרעטנדיג פון אַזאַ איינשטעלונג, אין אַלגעמיינע טערמינען, דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז מ'קאָן ניט כסדר שטיין דאָ מיט אַ צעטל אין האַנט און אויסרעכענען וואָס מיר ווילן, הייסט עס, געגנוי וואָס דאָרט דאַרף געטאָן ווערן. עס קוקט אויס ווי מיר וואָלטן געוועז די אַפּטרופּסים פון די סאָוועטישע אידישע שרייבער און קולטור־טוער. זיי קאָנען שוין אָבער איצט רעדן פאַר זיך אַליין (אפשר וואָלטן זיי געקאָנט קומען צו אונז מיט אַ צעטל, וואָס מיר דאַרפן טאָן אויפן געביט פון בויען די פּראָגרעסיווע אידישע קול־טור ?...). אַזאַ צוגאַנג, אַמאָל אויך פון אויבן אַראָפּ, קאָן ווערן שעדלעך, אין פיל פּרטים. נאָכאַמאָל, ניט אָפּטרעטנדיג פון דער אויבן־פאָרמולירטער אַלגעמיינער איינשטעלונג, איז נויטיג דורך פריינטשאַפט און דורך נעענ־טערן קאָנטאַקט זיך בעסער פאַרשטיין און געמיינשאַפטלעך בויען אונזער פּראָגרעסיוו־אידישע קולטור.

עס דאַרף באַגריסט ווערן דער פאַקט, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד״ זוכט אַזאַ דערנעענטערונג, דרוקט די שאַפונגען פון פּראָגרעסיוו־אידישע שרייבער אין אַמעריקע, פראַנקרייך, ישראל און אַנדערע לענדער. עס איז אַ פרייד צו אונטערשטרייכן, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז פיל מער ווי סתם אַ זשורנאַל, ווי וויכטיג און גוט ער זאָל ניט זיין. דאָס איז אַן אינסטיטוציע, אַן אַדרעס! עס זיינען שוין צונויפגערופן געוואָרן דורכן זשורנאַל באַראַ־טונגען פון אידישע שרייבער, מוזיקער, קאָנצערט־אַרטיסטן. אידן פון אויס־

לאַנד קומען אין דער אינסטיטוציע, פּראָגרעסיווע שרייבער און קינסטלער פון אויסלאַנד ווערן דאָרט אויפגענומען.

מיר שטרייכן אונטער מיט פרייד די דערגרייכונגען! דאָס איז די פרייד פון אַלע וואָס זיינען פאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ, — פונקט ווי דאָס איז אַ וויטאַג פאַר די קאַלטע מלחמה־לייט. זאָלן די אַנטוויקלונגען גיין מיט גרעסערן אימפּעט! און זאָל איינגעשטעלט ווערן ענגערער קאָנטאַקט צווישן די פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־שאַפער פון אַמעריקע און סאָוועטן־פאַר־באַנד! שוין לאַנג צייט עס זאָל אַהער קומען אַ שרייבער־דעלעגאַציע פון דאָרטן! שוין לאַנג צייט, אַז נחמה ליפשיץ, מיכאַאיל אַלעקסאַנדעראָוויטש און אַנדערע אידיש־קינסטלער זאָלן קומען אַהער!

פונקט אַזוי איז שוין לאַנג צייט עס זאָל קומען אַהער דער אידישער מלוכה־טעאַטער פון פּוילן. עס איז אַ פרייד צו הערן וועגן די באַזוכן פון דעם טעאַטער אין אַנדערע לענדער. עס איז אַ גרויסע פרייד צו הערן די גרוסן וועגן דער אידישער קולטור־אַרבעט אין סאָציאַליסטישן פּוילן בכלל, ווי וועגן דער אידישער קולטור־אַרבעט אין רומעניע. מ'מוז באמת באַוואונ־דערן די אַרבעט פון די אידישע קולטור־שאַפער און קולטור־טוער דאָרטן, באַ־זונדערס אין דעם קליינעם אידישן ישוב אין פּוילן. עס איז אַ פרייד צו קריגן די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע", די חודש'לעכע „אידישע שריפטן", די ביכער וואָס דער פאַרלאַג „אידיש־בוך" גיט אַרויס, די אַרבעטן פון דעם זייער וויכטיגן אידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. לאָמיר פאַר־אויסקוקן צו דער צייט, ווען דער אייזערנער פאָרהאַנג דאָ ביי אונז וועט אויפגעהויבן ווערן און עס וועט מעגלעך זיין אַ באַגעגעניש פון פּראָגרעסיווע אידישע קולטור־בויער פון אַמעריקע און אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט די קולטור־בויער אין די סאָציאַליסטישע לענדער!

פאָראויס מיט דער „מאָרגן פרייהייט"!

דער סך הכל ביז איצט, אין דעם באַריכט, איז אַ גאַנץ היפשער. מעג־לעך אַז געוויסע זאַכן זיינען אויסגעלאָזט געוואָרן, אָדער ניט גענוג ברייט באַלויכטן געוואָרן. אין גרויסן און גאַנצן גענומען, אָבער, צייכנט עס אָן פאַר אונז דעם וועג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" — פונעם נעכטן צום היינט און צום מאָרגן — אַ הערלעכן וועג!

ס'איז קיין פראַגע ניט, אַז אין פּראָצעס פון דער אַרבעט שאַפן זיך דורכ־רייסן, בלויזן. זאָל דאָ אויפן צוזאַמענפאַר גערעדט ווערן וועגן דעם. קאָנ־סטרוקטיווע קריטיק איז וויכטיג. מיר האָבן פריער, צום סאַמע אָנהויב, אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטער באַוועגונג דאַרף ברייטער באַלויכטן ווערן. וואָס איז שייך דעם אָרט פון אַמעריקאַנער פראַגן אין דער צייטונג, דאַכט זיך מיר, אַז אויף דעם געביט איז געמאַכט געוואָרן פאָרשריט די לעצטע צייט. אויב אויסלענדישע פראַגן פאַרנעמען אַ גרויס אָרט, איז עס דערפאַר וויל דער אויסלאַנד איז אַ גרויסער. די סאָציאַליסטישע לענדער, ישראל, לאַטיין־אַמע־ריקע, איינגעשלאָסן קובאַ, אַפריקע און אַזיע, פראַנקרייך, מערב־דייטשלאַנד,

די נאַטאַ און אַזוי ווייטער, פּאַדערן באַלייכטונג. מייסטנס זיינען די ענינים אויך געבונדן מיט אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

צווישן די בלויזן דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די זייער שוואַכע באַלייכטונג פון דער פרויען־באַוועגונג. דאָס דאַרף פאַרריכט ווערן. אין אַ גרויסער מאָס הענגט עס אָפּ פון דער פראַגע פון פּערסאָנאַל, מיטאַרבעטער.

אַ צייטונג ווערט געמאַכט פון מענטשן — פון אירע שרייבער, פון אירע פּאַרוואַלטער, בויער. די אַרבעט איז ניט קיין גרינגע, אָפט זייער אַ שווערע. די שרייבער און פּאַרוואַלטער טוען זייער חוב, ווי זיי פאַרשטייען אים און דערוואַרטן אפשר ניט קיין ספּעציעלן לויב. אָבער אונטערשטרייכן דאַרף מען, אַז די שרייבער אין רעדאַקציע, וואָס שאַפן יעדן טאָג די צייטונג, די שרייבער אין ניו יאָרק, איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד, וואָס באַמיילינגן זיך מיט זייער אַרבעט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, די פּאַרוואַלטער אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד, פאַרדינען אונזער האַרציגע אָנערקענונג און ־י דאַנקבאַרקייט פון די ברייטסטע מאַסן, פאַר שאַפן די צייטונג, טראָגן זי ־אָראַוים, אין דער טראַדיציע פון אָלגין און ווינטשעווסקי.

פאַרטראַכט איר זיך וועגן דער דאָזיגער טראַדיציע, גיט איר אַ טראַכט וועגן דעם בייטראָג וואָס די אַלע שרייבער מאַכן, גיט איר אַ טראַכט וועגן אונזערע קאָרעספּאָנדענטן און מיטאַרבעטער אין די סאָציאַליסטישע לענדער, אין קובאַ — דאָס וואָס אַנדערע אידישע צייטונגען האָבן ניט — גיט איר אַ טראַכט וועגן די לאָזונגען פון דער צייטונג, אין פראַגן פון לעבן און טויט, איז קלאָר, אַז עס איז ניט נאָר נויטיג נאָר אַז עס איז אויך מעגלעך, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין, צו שאַפן נייע לייענער. **דאָס איז איצט אַ מוז־זאַך!** דאָס דאַרף איצט אַרויסגערוקט ווערן ווי אַ הייליגע אויפגאַבע פאַר יעדן איינעם פון אונז, פאַר די אַלע טויזנטער פריינט פון דער צייטונג אין ניו יאָרק און איבערן גאַנצן לאַנד!

לאָמיר צוגיין צו לייענער פון אַנדערע צייטונגען מיט׳ן געפיל, אַז מיר האָבן פאַר זיך מענטשן וואָס ווילן שלום, ווילן קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, ווילן בעסערע באַדינגונגען ביי דער אַרבעט, ווילן בויען די אידישע קולטור. לאָמיר זיי אָנווייזן, אַז בשעת אפילו די אַלגעמיינע ענגלישע צייטונגען דרוקן וויפיל ניט איז נייעס וועגן דער שלום־באַוועגונג, מיידן אויס די איסט־בראָדוועיער צייטונגען צו שרייבן וועגן דעם, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע זאַך. בשעת אין די אַלגעמיינע צייטונגען טרעפט מען עדיטאָריעלס געגן דער אומאַמעריקאַנער קאָמיטע, געגן דעם פּראָ־פאַשיסטישן מעקאַרען־אַקט און אַזוי ווייטער, לאָזט מען ניט דורך אַ וואָרט וועגן דעם אין די דאָזיגע אידישע צייטונגען. ניט נאָר קעמפן ניט די צייטונגען געגן די גלאָבקעס און הויזינגערס, נאָר מען זינגט דאָרט פון צייט צו צייט שירה דער „דעמאָקראַטיע“ פון אַדענאַוער און גלאָבקע. וואָס איז שייך אַרבעט־באַדינגונגען, זיינען די צייטונגען די אָרגאַנען פון דער יוניאָן־ביוראָקראַטיע, וועלכע איז אין אַ גרויסער מאָס שולדיג אין דער שלעכטער לאַגע, אין וועלכער די אַרבעטער געפינען זיך איצט.

לאָמיר שאַפן לייענער, מיט ענערגיע, מיט עקשנות, כסדר, יעדן טאָג

אינזינען האָבן קריגן נייע לייענער ! דאָס איז די דרינגענדיגע אויפגאַבע אונ־זערע איצט ! לאָמיר רופן רעכטע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן צו באַנוצן זיך מיט דער „מאָרגן פרייהייט" אין קאַמף פאַר שלום און אַ בעסער לעבן, צו שרייבן אין דער „מאָרגן פרייהייט", אויסדריקן מיי־נונגען וועלכע קאָנען מעגלעך ניט שטימען מיט די מיינונגען, וואָס די רעדאַקציע האָט. זאָל אונזער שאַל־רוף פאַר איינִיגקייט קריגן אַן אויסדרוק אויך אויפן געביט פון אַרבעט פאַר דער „מאָרגן פרייהייט", וועלכע האָט ניט קיין אַנדערע אינטערעסן, ווי די אינטערעסן פונם פאָלק !

אין מיינע באַריכטן זינט דעם 30טן יובּילעי, אין 1952, איז מיר אויסגע־קומען צו געבן אַ באַשטימטע פאָרמולירונג וועגן דעם, וואָס פאַר אַ צייטונג די „מאָרגן פרייהייט" איז. צו יענעם יובּילעי, אין 1952, איז די פאָרמולירונג געווען : „די 'מאָרגן פרייהייט' איז אַ פּראָגרעסיווע אידישע אַרבעטער און פאָלקס־צייטונג, אַן אויסגעהאַלטענע אַנטי־פאַשיסטישע צייטונג, וואָס דריקט אויס די אינטערעסן פון די ברייטסטע שיכטן פון די אידן אין אַמעריקע". אויף אונזער צוזאַמענפאָר אין 1957 האָבן מיר די קורצע און ריכטיגע פאָרמולירונג קלאָרער פאַרטייטשט. מיר האָבן דערקלערט : „די 'מאָרגן פרייהייט' איז אַ פּראָגרעסיווע אומאָפּהענגיגע אידישע אַרבע־טער און פאָלקס־צייטונג. די איינציגע וואָס קאָנטראָלירן די צייטונג זייט איר, פאָרשטייער פון די ברייטע אידישע מאַסן. מיר זיינען צו קיינעם ניט פאַרפליכטעט, חוץ צו אייך". די דאָזיגע קלאָרע און ריכטיגע פאָרמולירונג האָט מיר באַשטעטיגט אויף אונזער צוזאַמענפאָר אין יאַנואַר 1960 און באַשטעטיגט! זי ווידעראַמאָל היינט : די „מאָרגן פרייהייט" האָט איין באַלעבאָס — דאָס פאָלק, פאַרטראַטן דאָ דורך אייך !

הייליגע אָנזאָגן...

עס גייען די אַפּריל־טעג. פאַר אונז באַדייטן זיי טעג פון יום טוב לכבוד דעם געבורטסטאָג פון דער „מאָרגן פרייהייט", — אין איצטיגן מאָמענט, דער 40טער געבורטסטאָג. אָבער דער חודש אַפּריל ברענגט אונז צו אַ היסטאָ־רישער דאַטע וואָס איז הייליג פאַר אַלע אָרנטלעכע אידישן מענטשן. אין דעם חודש ווערן געערט די אומשטערבלעכע העלדן פון דער וואַרשעווער געטאָ. און די טעג איז מיר אויסגעקומען אריינקוקן אינם דאָקומענטן־בוך פונם אידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע („דאָקומענטן און מאַטעריאַלן", געזאַמלט און מיט אַ פאָרוואָרט און באַמערקונגען פון ב. מאַרק), און איך האָב געלייענט אינם גבית עדות פון אַן אומבאַקאַנטן העלד, יעקב קאָרץ, וועלכער דערציילט :

„אָנהויב 1941 איז אין לאַנד אַנטשטאַנען די אָרגאַניזאַציע רכאַ"ב (אַר־בעטער און פויערים קאַמף־אָרגאַניזאַציע), וועלכע האָט אויך געהאַט איינ־פלוסן אין געטאָ. די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אין געטאָ 150 מיטגלידער, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן אין אידיש אַ צייטונג „מאָרגן פרייהייט". די צייטונג האָט געהאַט פאַר אַ ציל באַוואוסטזיניג מאַכן און צוגרייטן די אידישע מאַסן צום געמיינזאַמען מיטן פוילישן פאָלק קאַמף געגן היטלעריסטישן אָקו־

פאַנט. די צייטונג האָט צוגעגעבן מוט און האָט ספּעציעל געגריסט דעם אַרבע־טער־קלאַס צו דער דעצידירנדיגער שלאַכט" (זייטן 39–40).

וואָס פאַר אַ כבוד דאָס איז, ווי דערהויבנדיג דאָס איז, וואָס די קעמפער אין דער וואַרשעווער געטאָ, די פּיאָנערן, די ערשטע אָנזאָגער פון קאַמף, האָבן גענומען דעם נאָמען פון אונזער צייטונג, די צייטונג פון אַלגין און ווינטשעווסקי און אָוועקגעשטעלט אויבן אויף דער ערשטער זייט פון זייער קליינער, מימעאָגראַפירטער צייטונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די קעלערן פון וואַרשע מיט דער גרעסטער מסירת נפש.

די „מאָרגן פרייהייט" איז פון די קעלערן אַרויס אויף די גאַסן פון דער געטאָ! „מאָרגן פרייהייט" — געגן די רוצחים פון אידישן פאָלק! „מאָרגן פרייהייט" — געגן די בעסטיעס, וואָס שיקן מענטשן אין די גאַז־קאַמערן! „מאָרגן פרייהייט" — צו הויבן דעם מוט, צו שטאַרקן דעם גייסט, צו קרעפטיגן די הענט! „מאָרגן פרייהייט" — צו רופן אַלע, אַלע, אין די בונקערס און בוידעם־שטיבלעך, אַלע געיאָגטע און געפּלאָגטע, געפּייניגטע און דערנידערי־גטע, אַלע, אַלע, צום קאַמף, צו ווידערשטאַנד, צום געווער, פאַראייניגט, אידן פון אַלע ריכטונגען, זייט ביי זייט, פאַר'ן כבוד פון אידישן פאָלק, פאַר'ן כבוד פונם מענטשן! וואָס פאַרא כבוד דאָס איז פאַר אונז, וואָס זיי האָבן גענומען דעם נאָמען פון אונזער צייטונג פאַר דעם הייליגן קאַמף! וואָס פאַרא כבוד און — וואָס פאַרא פאַרפּליכטונג! ווי פאַרפּליכטנדיג דאָס איז פאַר אונז, ווערט צו זיין דעם כבוד וואָס זיי האָבן אונז אָנגעטאָן!

איז — פאַראויס מיט דער הערלעכער, אויסגעפּרוואוטער פאָן, די „מאָרגן פרייהייט", צו איר 40טן יובילי! פאַראויס אין אַ קאַמף, וואָס האָט אין זיך באַשטימטע עלעמענטן פונם קאַמף אין דער וואַרשעווער געטאָ — ווידעראַמאָל געגן נאַציזם, געגן אַנטיסעמיטיזם, געגן יעדער פאָרם פון ראַסן־האַס, געגן אַ וועלט־שחיטה, אַ וועלט־היראָשימאַ! און ווידעראַמאָל — געאייניגט! אין דעם דאָזיגן הייליגן קאַמף — פאַראויס מיט דער „מאָרגן פרייהייט", פאַר'ן גליק פון פאָלק, פאַר'ן גליק פון אונזער אַמעריקע, פאַר'ן טריאומף פון אַ וועלט פון יושר, שפע, קולטור, פאַר אַ וועלט פון געזיכערטן שלום!